STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04770

BAYM KVAL FUN KOTSK

Israel Ch. Biletzky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ח. בילעצקי

*

בײַם קוואַל פון קאָצק

י. ח. בילעצקי

ביַים קוואַל פון קאָצק

פּאָעמע

פאַרלאַג „ישראל-בוך"
תל-אביב, תשל"ה — 1975

I. CH. BILETZKY / BEIM KVAL FUN KOTZK
Poem
Publishing-House Israel-Book, Tel-Aviv, P.O.B. 1777

י. ח. בילעצקי / בײַם קוואַל פון קאָצק
פּאָעמע
פֿאַרלאַג „ישראל־בוך", רח' איתמר בן־אבי 4, תל־אביב

©
כל הזכויות שמורות

Printed in Israel 1975 נדפס בישראל

דפוס „להב", תל־אביב, טלפון: 36564

אַ נשמה-ליכט מײַן חבר
נח טוניק ז״ל

מײַן היים איז געשטאַנען בײַם מתנגדישן שליאַך.
דער פונדאַמענט,
דער דאַך,
די ווענט
און אַלע ציגל
האָבן געפּלאָטערט מיט חסידישע פליגל.
מיטן ניגון האָט מײַן טאַטע געצאָלט
דעם רבונו של עולם אַלע זײַנע חובות.
מיט גאָלד
האָט ער געצאָלט.
גאָלד פון ניגון, אַז אַלע חכמים און אַלע נאַראָנים
האָבן פֿײַערלעך אונטערגעשריבן:
מײַן טאַטנס מתנגדישער ניגון פאַרמאָגט אַ חסידישן פּנים.
ער זינגט אַרויס
זײַן ריינקייט
און זײַן שיינקייט
ווי אַ פויגל אין פרימאָרגן:
שטיל. רויִק. אין דער שטילקייט
ליגט התלהבות פאַרבאָרגן.

איך אַליין
אַ גלייביקער כּופר.
אויסגעקנאָטן אין סתירות.
אַ גייער און אַ לויפער.
ניט קיין אַנטלויפער.
אויף די סטרונעס פון אַלע מײַנע לירעס
מײַן טאַטנס הנני העָני ממעש.
נאָר געדענקען געדענק איך קלאָר:
צוויי יידן, מאַרקס און טראָצקי האָבן מיך אַרויסגערופן אין גאַס
מיט אַ פאָן אין האַנט,
(געגלייבט האָב איך: אַ פאָן פון דור),
און אַזוי —
האָב איך מײַנע ניגונים געשריבן.

פּלוצעם. ווער ווייסט דעם סוד פון וואָרט?
דער קאָצקער איז אַרײַן צו מיר אין אַלקער.
מיטן קאָצקער כ׳בין פאַרבליבן.

גרויסער מתבודד, אין מײַן ווינקל
הער איך דײַן געברום
און זע דעם פינקל
פון דײַן גאָלד.

א

ר' מענדל איז צו דער לוויה פון ר' שׂמחה בונים ניט געקומען.
מורא געהאַט, אַז עמעץ־ווער קאָן דעם כּתר
אַרויפלייגן מיט התלהבות אויף זײַן קאָפּ און ווי אַ מנהיג אים באַקריינען.
ביחידות געוואָלט האָט ער וויינען
אויף ר' שׂמחה בונימס טויט.
ר' מענדל איז ניט געווען גרייט
צו זײַן אַ רבי,
ער איז אַנטלאָפן פאַרוואָלקנט אין עצבות, אַ טרער האָט געבריט
ווי אַ הייסע קויל,
און זײַן געמיט
אײַנגעוויקלט אין טונקעלע שאָטנס.
דאָס אַנטלויפן איז אים ניט געראָטן.
אפשר האָט ער געוואָלט ווערן אַ וואָגלער און שפּרײַזן
אין דער לענג און אין דער ברייט.
געוואָלט נעמען די טאָרבע,
אײַנפּאַקן אַ מעסטל זאַלץ, אַ סקאָרינקע ברויט,
מיטנעמען די קנייטשן אין זײַן האַרץ און מיט אימפּעטיקן טראָט
גיין זוכן אַ שטיין, אַוועקצולייגן זײַן מידן קאָפּ
און אין שחרית מיט די טויען
דינען גאָט
און אים פאַרטרויען
דעם סוד פון זײַן אומעט;
אפשר האָט ער געוואָלט מיטנעמען זײַנע גלוסטונגען צו הימלישע סודות
אַוועקשטעלן זיך לעם אַ פעלד,
באַגלייטן אַ פויער ווען ער זייט, און זײַן אַן עדות
פון פאַרזייטע קערנער אויף דער וועלט,
וואָס וואַקסן מיט שוויס, מיט האָרעוואַניע;
אפשר האָט ער געוואָלט זוכן די שכינה ניט בײַם ייִד הקדוש,
ניט בײַ ר' בונימען, —
ווײַל ער האָט ניט געוואָלט זיך האַלטן בײַ טויטע רביים.
שעפּן האָט ער געוואָלט פון מים־חיימדיקע ברונעמער,

ברונעמער — אין זיי שפּיגלען זיך ניט קיין מלאכים,
נאָר מענטשן, וואָס וואַקסן ווי צמחים
ביַי וואַסערן.

נאָר ווּהין ער האָט זיך געווענדט, ווּהין ער האָט זיך געקערט
האָט ער געזען:
מ׳קאָן ניט אַנטלויפן. ס׳איז באַשערט.
מיט אַ כּתר, אָן אַ כּתר איז ער המשך געוואָרן. נאָר אַנדערש.
מיט אַן אַנדער טרער
אין אויג. מיט אַנדערע ציטערנישן אין די בלוטן.
מיט אַן אַנדערן ניגון
אין זיַינע בייזע נאַכטיקע מאַרשרוטן.
די פּמליא של מעלה און די פּמליא של מטה
האָבן געשעפּטשעט שטיל: ט אַ ט ע. בייזער ט אַ ט ע.

מיט די שחריתדיקע טויען
האָט ר׳ מענדל זיַין בנין אָנגעהויבן בויען.

ב

לבי ובשׂרי ירננו אל אל חי.
ל״ג בעומר. קינדער אויף די בערגלעך ציִען־אָן די בויגנס.
מענדל איז ניטאָ.
עס לויפט אַ שעה נאָך אַ שעה.
מ׳זוכט מענדלען.
ער איז דאָ.
און גייענדיק אַזוי אַליין אויף די בערגלעך וויינענדיק און זינגענדיק,
די אויגן בלאַנדזשען וויַיט, מענדל אין עקסטאַז:
לבי ובשׂרי ירננו אל אל חי.
אַ לעבעדיקן גאָט דאַרף דאָס ייִנגל מענדל. אַ לעבעדיקן גאָט,
ער זאָל אים טרעפן אויף דער גאַס
דורכרעדן זיך מיט אים פון אויבן,

און שפּילן זיך מיט אים, ווי דעם שכנס ייִנגל
שפּילט זיך מיט די טויבן;
רעדן צו אים, ווי עס רעדט אַ פּאָעט מיט די שטערן,
מיט זײַן געליבטער,
און רעדן אַזוי ער זאָל אים הערן.
לבי ובשׂרי ירננו אל אל חי.

געווען איז עס ל״ג בעומר.
מענדל האָט ליב געהאַט דעם וואַלד.
חברים — אַלעביימער.
ממש אַזוי ווי דער גרויסער בעש״ט.
מענדל, אַ ייִנגל ווי אַלע ייִנגלעך, נאָר אַ כּעסן,
קליין און צאַרט,
האָט געוואָלט הערן אַ קול, געוואָלט אַז גאָט זאָל אים באַווײַזן,
אַז ער לעבט און ניט פֿאַרשפּאַרט איז
אין הימלען, צווישן מלאכים און משרתים.
מענדל, ווי אַ קינד צווישן אַלע קינדער, איז געשטאַנען
אויפֿן ראָג
פֿון אַ גאַס אין גאַרײַ און האָט פֿאַרשטאַנען:
עס קומט אָן אַ טאָג
און גאָט רעדט מיט אַלע ברואים אויפֿן גרויסן יריד.
אָט גייט אַ גוי,
אָט גייט אַ ייִד
און גאָט דערלאַנגט זיי שלום עליכם.
דורכן קוימען פֿאַרקוקט ער אין יעדן דאַך,
און היט
און איז וואַך,
אַז די טריט זאָלן זײַן גלײַכע,
און ער מיטן רבונו של עולם האַנט בײַ האַנט
גייען באַנאַנד ווי צוויי גוטע פֿרײַנד. ווי ברידער.

מענדל איז אַלט געוואָרן. פֿון טאָג צו טאָג — מידער און מידער.
געזען: גאָט איז פֿון ייִנגל מענדל אַנטלאָפֿן.

נאָר געלאָזט אַ פענצטערל אָפן
און דורכן פענצטערל פון זײַן צער האַרציק און טרײַ
האָט ער אַרײַנגעשריגן: לבי ובשׂרי ירננו אל אל חי.

ג

דער קאָצקער האָט געבראַכט מיט זיך נײַס.
אַליין האָט ער געטענהט:
מײַן נשמה איז פון די נשמות וואָס זענען געווען פאַרן חורבן הבית.
ער איז געווען אַ זוכער. אַ גייער.
געוואָלט אַריבער
דעם גליוער
פון צײַט. געווען איז ער אַ פאַרזייער
פון בונט און מרידה.
אַ מיטגייער מיט אַלע צעבראָכענע און מידע.
ווען ער וואָלט געלעבט אין די צײַטן פון אברהם,
וואָלט ער אויך אַרײַן אין תּרחס קראָם
און די אַלטע פּסלים צעהאַקט;
ווען ער וואָלט אין איובס צײַטן געלעבט,
וואָלט ער מיט זײַן געוויסן
דעם שׂטן אויף פּיצלעך צעריסן.
ווי אַ גאולה־דאַרשטיקער וואָלט ער פאַר זײַן פאָלק —
דעם עני ואביון און דל,
ווי דער מהר״ל
אַ גואל געקנאָטן.
ער וואָלט ליכט געצונדן
אין חשכות פון נאַכט, און אַ גולם צו דער וועלט־מרכּבה געבונדן,
אַ גולם מיט געזונטע פויסטן, זײַן פאָלק צו רעטן
און די טאַדעושעס צעממיתן, צעטרעטן.

ר׳ מענדל מיט זײַן דמיון האָט אײַנגעשפּאַנט פײַערדיקע פערד
און וויאָ,

אַוועקגעריטן צו יענע צײַטן פֿון חורבן הבית,
פֿון יענער אומגליקלעכער שעה
ווען די פֿײַערן האָבן חורבן פֿאַרזייט.
אין בית המיקדש איז ער פֿאַרבליבן צווישן די האָלאָוועשקעס.

איין מאָל, צווישן דונער, בליץ און קראַך,
האָט זיך גאָט פֿאַרבענקט נאָך אַ מורד
און האָט אין יאָר תּקמ״ח
מענדלען אַראָפּגעשיקט אויף דער ערד.
פֿאַרזייט אין אים שטומעניש. פֿאַרזייט אין אים געשריי,
און אין אַ קליין שטעטל לעם לובלין,
אין גאָריי,
פֿאַרזאָגט: דאָ וועט געבוירן ווערן אַ ייִד, וואָס וועט זוכן אַ זין
פֿאַר גאָט און מענטש.
ווען ר׳ מענדל האָט זיך אויסגעלערנט רעדן,
האָבן זיך אײַנגעהערט צו זײַנע רייד
דער גיהנום און גן עדן.

גאָט האָט מענדעלען געכאָוועט.
דער גיהנום און גן עדן האָבן געוואַרט אויף אים
און אַז ער איז אָנגעקומען, האָבןביידע אים פֿאַרטיילט דעם כּבוד.
צווישן גיהנום און גן עדן איז זײַן אָרט.
ווײַל אויך דאָרט
האָט מען מורא פֿאַר זײַן וואָרט.

ד

יִראת שמים — און ניט יִראת שולחן ערוך.
צווישן חשבון הנפש און לעגענדעס וועגן נסים ונפלאות
קלײַבט אויס — חשבון הנפש.
די חסידישע עדה לעבט אין אַ טעות.
ר׳ מענדל פֿון זײַן עדה ייִדן האָט ניט געהאַט קיין נחת.

ער האָט געזען: אַ ייִד הענדום פענדום,
על רגל אחת,
אָפּגעדאַוונט, אַ קאַפּיטל תּהילים אַרײַנגעכאַפּט און יוצא געווען פאַרן בורא
ייִדן אָן התבוננות,
אָן אַ ביסל מורא.
היתּכן?
מאַכן פון שבת אַן אינדערוואָכן.
ייִדן קויפן אײַן עולם הבא ביליק.
האָט ר׳ מענדל געזאָגט:
ס׳איז דאָ אַ חילוק
צווישן חשבון הנפש און אַן אָפּגעכאַפּט קאַפּיטל תּהילים.
מיטן רבונו של עולם שפּילט מען זיך ניט אין באַהעלטעניש,
מ׳קאָן פון אים ניט אַנטלויפן.
עולם הבא קאָן מען מיט דוד המלכס מזמורים ניט קויפן.
מ׳קאָן דאָס האַרץ אַ ביסל מאַכן גרינגער,
די טריט — אַ ביסל ייִנגער,
אָבער לעולם —
התבוננות אין די שפּאַרונקעלעך פון דער וועלט
איז דער יסוד פון דינען דעם רבונו של עולם.
און אַז דײַן אויג וועט זײַן אָפן,
און דאָס האַרץ מיט גלוסטונגען געצונדן,
וועסטו זײַן אַ מלך אין באַשאַף.
וועט אַ קאַפּיטל תּהילים היילן דײַנע ווונדן.
קיין מאָל וועסטו ניט טראָגן די הכנעה פון אַ שקלאַף.
און בויען וועסטו בריקן
פון מענטש צו מענטש. פון מענטש צום כּביכול,
פון כּביכול צו דײַן תּיקון.

התבוננות. אַרײַנבליקן טיפער. אָן פּחד. אָן אימה.
ניט שטענדיק איז אַ מענטש אַ גאַנצער סידור.
אַ מאָל נאָר אַן אויסגעריסענע שיימע.
אַרויסגעפאַלן פון די בלעטער
און אַרײַן אין דײַנע גלידער.

אַ שיימע — און אין איר דער עיקר.
די עשׂרת הדברות אויף דער שיימע פֿאַרשריבן.

ר׳ מענדל איז מיט דער שיימע פֿאַרבליבן.
עשירות האָט ר׳ מענדל געזוכט אין דער אָרעמער וועלט. עשירות.
אָנגעצויגענע — געפּלאַצטע סטרונעס
אויף די שטערנדיקע לירעס.
געפּײַניקט זײַן אויג. זײַן האַרץ געמאַטערט,
און שטענדיק אין געשוועב.
און שטענדיק אין געפּלאַטער.

ה

אין קאָצק — דער רבי טרייסט ניט, ער מאַכט ניט גרינג דאָס האַרץ.
ר׳ מענדעלעס תּורה איז תּוכחה. זי דערלאַנגט אין דער זיבעטער ריפּ.
אירע תּקנות — חומרה. אַ ציטערדיקע ליפּ,
ווי אַ סטרונע אַן אָנגעצויגענע אויף אַ פידל — תּפילות.
צו דער תּוכחה וועט דיך דערפירן
מחשבה
מיט קאָפּ און געהירן.
פֿאַרקלעמט דיר דאָס האַרץ, פֿאַרקלעמט דיר דײַן געוויסן, —
ניטאָ קיין טרייסט. קיין נחמה.
דאַרפסט וויסן,
אַז דײַן נשמה
קאָן נאָר אין בראַנדיקן פֿײַער אויסצאַפּלען איר פיבער.
דער רבי מאַכט ניט גרינג דאָס האַרץ.
דער רבי גיט דיר ניט קיין צוקערלעך צו פֿאַרבײַסן.
אין קאָצק ווערט דײַן לעבן אײַנגעקלעפּט אין תּוכחה,
דאַרפסט פון זיך דײַן פעל אָפּרײַסן,
און שטיין נאַקעט, ענווֹדיק, אומבאַמערקט,
און לויבן גאָט אויף רושטאָוואַניעס, גאַסן, מערק.

אין קאָצק קלאַפּט מען זיך ניט אין פּלייצע,
אין קאָצק שמײַסט מען, איינער שייגעצט אויס דעם צווייטן.
אין קאָצק קומט דער רבי ניט צו חלום געבן דיר אַן עצה.
דאַרפסט דײַן עניוותדיקן טיש אַליין גרייטן.
באַרים זיך ניט: דו ביסט דער שורש
פון דעם בוים,
דער יורש
פון די שטערן;
דער אמת איז —
דו ביסט די רויע נאַקעטע קאָרע,
דו ביסט קאַלך און ליים;
דו ביסט אַן אויסגעריסן בלאַט פון דער גמרא,
דו ביסט בענקעניש נאָך היים,
מיט אומרו צערפולן און שטילן
זוכסטו דעם של ראָש פון דײַנע תּפילין,
און אַז דו געפינסט —
פאַרשרײַב, פאַרצייכן:
ביסט נאָך אַלץ אין נידער און ניט אין הייכן.

אין קאָצק זוכט מען אין די טיפן פון די פּירות די יאָדערן,
ווײַל ער טוט ניט קיין טובות די חסידים. ער שינדט זיי די אָדערן.
אַליין — צי יחד,
דער קאָצקער טובלט אַלע חסידים זײַנע אין שוואַרצן פּחד,
אין בלוטיקע אותיות פון דער תּורה. —
אין מורא.

אין קאָצק געפינט אַ פויגל ניט קיין נעסט.
ווײַל קאָצק פּרעסט.
קאָצק דריקט.
קאָצק באַפרײַט און שטיקט.
דער רבי טרייסט ניט. ער מאַכט ניט גרינג דאָס האַרץ.

ו

דעם אמת דאַרף מען דערגראָבן, ווײַל ער ליגט טיף.
ער גייט פּאַמעלעך ווי אַ קעמל.
דער אמת איז ניט הפקר.
ער דאַרף אַ ראַם. אַ רעמל.
ער דאַרף ברענען אין דעם מידבר פון דײַן לעבן
ווי אַ סנה.
און ווען דו כאַפּסט זיך אויף פון שלאָף דאַרפסטו אים דערזען
אין פולן ליכט און זאָגן:
אכן יש א מ ת במקום הזה.

אין דײַן אומרויִקן גאַנג,
אין דײַן צעבראָקלטן טאָג,
טראָג
דײַן וואָרט ווי אַ פאַקל.
טוליע
דײַן קאָפּ צו צו דער וועלט און זינג:
אָ, וועלט, דו דולע,
אָ, וועלט אין וואַקל,
טרײַב אַרויס פון דיר דעם שקר,
נעם אַרום מיט האַרץ און אויגן דעם פולן אמת,
פּאַרטרײַב דעם חנפן, דעם אונטערלעקער,
שטעל אונטער אַ פּלייצע, אַן אַקסל,
און לאָז אים קריכן העכער, העכער,
איבער דעכער,
איבער הימלען זאָל ער וואַקסן,
הויך, הויך, טיף, טיף,
און היפּער ניט אַריבער זײַנע תּהומען,
ווײַל ער איז דײַן כּבוד. דײַן נאָמען.

דעם אמת דאַרף מען אין דעם שײַער דרעשן.
אין דעם אויוון צינדן.

אַקעאַנען זאָלן אים ניט קאָנען לעשן.
שינדן, שינדן
די דיקע הויט פון שקר,
ביז ס'וועט אָנהייבן טאָגן
דער גרויסער טאָג פון אמת,
ביז דו וועסט דערטראָגן
אין אַלע דײַנע ספרים דעם אויסגעשריי:
אַז ער איז דער טעם פון אַלע טעמים,
פרייד פון אַלע פריידן,
קוואַל פון אַלע קוואַלן,
זון פון אַלע זונען,
שטראַל פון אַלע שטראַלן.
ווער זײַן צויבער־קלאַנג האָט הײַנט געבוירן?
דער וואָס האָט דעם ליגן אין תּהום פאַרטרונקען,
און אויף די וועגן אים פאַרלוירן.

ז

ר' מענדל האָט ניט געוואָלט אַז דער שבת זאָל אַוועק אַזוי בשלום
אויף די וועגן פון אַ גרויער וואָך.
ער האָט געוואָלט אַז דער שבת זאָל זײַן תּוך
און חלום.
אַן אייביקייט. ער וועט קיין הבדלה ניט מאַכן.
אַ נאַכט אַ רעגנדיקע. אַ חשוונדיקע. אַ טריבע.
חסידים שטייען און וואַרטן.
זיי ווילן וויסן די סיבה
פאַר וואָס איז ר' מענדל ניט מבדיל הבדלה.
יעדער חסיד מיט זײַן גורל. מיט זײַן דאָליע.
מאָרגן דאַרף מען עפענען דאָס קרעמל.
פאַרקויפן אַ חלה, ברויט אַ שטיקל,
אַ זעמל.
אַן אָרעמענקע ייִדענע, אײַנגעוויקלט אין אַ שמאַטעדיקער פאַטשיילע,

ווען מאָרגן קומען מיט איר האַרציקן גוט־מאָרגן
און בעטן אַנשיטן אין איר כּלי
אַ ביסל רײַז.

די וואָך וויל צעגריזשען דעם שבת,
ווי עס גריזשען די מײַז
אַן אָרעמען ספר.
עס לויפט אַ שאָטן נאָך אַ שאָטן.
נאָר קיינעם פון די חסידים איז נאָך ניט געראָטן
צו ברענגען ר׳ מענדלען ער זאָל מבדיל זײַן.
פון אַלע וואַסערן קוקן אַרויס מיט בענקעניש נאָך וואָך די דנאָען.
און ער, אַ מורד, —
ממש אַ בזיון,
וויל ניט אַנטקעגן גיין די זעקס וואָכעדיקע טעג.
ווערט עס ניט פאַרשטיין מיטן שׂכל.
ר׳ מענדלס היכל איז אַן אַנדער היכל.
הערט זיידעס. הערט באָבעס.
הערט קינד און קייט:
מ׳דאַרף ראַטעווען דעם שבת.
אַרײַן יידן אין התלהבות. אַן עיגול אין אַן עיגול:
גיט דעם שבת פליגל.
גרויסקייט.
גאולת הרוח און תּיקון העולם.
די וואָכעדיקע, גרויע טעג שטייען מיט אַ האַק,
ווי דער גולם
און ווילן אָפּהאַקן די קעפּ פון גאולת הרוח און תּיקון העולם.
ווינציקער וויל ער ניט. ווינציקער לוינט אים ניט.

ר׳ מענדל האָט אַ לעבן לאַנג געליטן,
ווײַל ער האָט די התלהבות פון שבתדיקן פּרוכת געצונדן
און די וואָכעדיקייט אויף פּיצלעך צעשניטן,
און אויפן שבת־מזבח אָנגעצויגן ווי אויף אַ שנירל אַלע זײַנע וווּנדן.
אייביקער שבת זאָל זײַן. אייביקער שבת.

ח

אראלים ומצוקים אין געראַנגל. די וועלט איז ניט געראָטן.
יעקב ראַנגלט זיך מיטן מלאך,
גאָט מיטן שׂטן.
אויף יעדן ניצוץ פון קדושה גאַנצע בערג מיט טומאה.
ווען חבלי משיח אַראָפּברענגען משיחן ?
צאָרנדיקע רייד. צאָרנדיקע שאלות.
אַ נשמה אויסגעקנאָטן פון יללות.
פון ברכות און קללות.
אַרויסגענומען דאָס תּהילימל, אָפּגעזאָגט דעם שיר המעלות.
אַ ביסל גרינגער געוואָרן.
נאָר דער פּרדס איז געשלאָסן. אַ שלאָס אויף אַ שלאָס.
און ער, ווי אַ ייִנגל, האָט זיך געשווירן :
אַרײַנקוקן אין פּרדס.
אַפילו דער בורא עולם האָט אויף אים פאַרדראָס.
אין פּרדס ברענען פֿײַערן.
מ׳דאַרף זיך אָנגורטן מיט כּוחות.
דער פּרדס איז ניט קיין פּלאַץ פאַר הילולות וחינגות,
פאַר בשׂמימדיקע ריחות.
מיטן גאַנצן ציטער פון לײַב און לעבן, מיט אַ צעבראָכן האַרץ, מיט ריס,
גייסטו אַרײַן מיט באָרוועסע פיס
אויף דערנער.
דאָרטן ליגט דער פאַרפלאָנטערטער באַראַן מיט די הערנער,
און דער חלף פון דער עקדה,
און יצחק אויפן מזבח מיט זײַן פּחד און אמונה.
אין פּרדס גייט דיר נאָך אַ זיידע נאָך אַ זיידע,
דאָרט בושעווען בייזע רוחות. אַ שרעק.
אין פּרדס בלאָנדזשעסטו טעג נאָך טעג,
חדשים נאָך חדשים. יאָרן נאָך יאָרן.
קוסטעס אין קוסטעס פאַרפלאָנטערט.
מידברדיקע וועגן. ווײַטע הימלען. דו קאָנסט, חלילה, גיין פאַרלאָרן.
אָבער : מ׳דאַרף אַרײַנקוקן.

מ׳קאָן דאָרט געפינען מטמונים.
אמונה. כפירה.
קאָן מען אָפּהאַלטן אַזאַ איינעם
ווי ר׳ מענדל ?

ר׳ מענדל איז אַריַין אין פּרדס.
ניט צו זוכן זילבער און גאָלד
האָט ער געוואָלט.
נאָר, וויפל וועגט אַ קרעכץ פון אַ בידנעם ייִד ?
און וואָס וויל גאָט פון מענטש ? און וואָס איז חומר און וואָס איז רוח ?
און צי האָט איוב שוין פאַרענדיקט מיט זיַינע טרייסטער דעם וויכוח,
און צי האָט דער בורא־עולם איובן פאַרשטאַנען ?
און צי דער שׂטן איז וויטער געבליבן הערשער. קייסער.
ר׳ מענדל אין די טיפענישן פון פּרדס איז געוואָרן בייזער און בייזער.

אָפענע אויגן. אַן אָפן הארץ און אַ געשריי עד לב השמים :
די וועלט שטינקט.
מ׳דאַרף דעם בנין אָפּפרישן. באַנײַען.

ט

דאָס וואָס זיַין מויל האָט ניט דעררעדט, האָט זיַין בליק פאַרענדיקט.
אַזוי דערציילט קאָצקער מסורה.
שטענדיק
וואָס דאָס מויל האָט ניט פאַרענדיקט
האָט דער בליק פאַרטיַיטשט די פּסוקים פון דער תּורה.
ער האָט געשאַרפט די ווערטער ווי מ׳שאַרפט אַ חלף.
שטענדיק אָנגעהויבן פון דאָס ניַי,
פון אַלף.
מורא געהאַט דערגיין ביזן סוף.
מענדעלע האָט אויסגעמעקט די תָּו.
די אַלף — שטענדיק פון אָנהייב.

ווען ער איז געשטאַנען בײַם עמוד,
האָט ער געזען די אַלף
תּמיד
ווי אַ נר־תּמיד.
ער ברענט אָן אויפהער. מיט זײַן שײנקייט. מיט זײַן חן.
מיט זײַן שאַרפן מעסער.
אַ טראָט פאָרויס. אַ טראָט פאָרויס און צוריק.
צוריק צום פּחד
אַלף.
האָבן די חסידים מורא געהאַט פאַר זײַן צאָרן
און מענדל איז ניט מיד געוואָרן שווײַגן
און אין זײַן שווײַגן — געוואָרנט.

ר׳ מענדל איז געבוירן געוואָרן 28 יאָר נאָכן בעש״טס פּטירה,
און נאָך זײַענדיק אַ ייִנגל האָט ער מורא געהאַט,
אַז די ייִראה
פון חסידות אַנטלויפט.
מ׳גייט אין דער ברייט און ניט אין דער טיף.
מ׳דאַרף אַ נײַע שילד.
נײַע קאָלירן.
מ׳קאָן ניט מער זײַן מילד.
מ׳דאַרף אויפהערן פראַווען טישן. מ׳דאַרף אַנדערש פירן.
אַ נ ד ע ר ש.
רביים זיצן בײַ זייערע געדעקטע טישן און ווערן אַליין אַ סוד,
רזין דרזין.
ר׳ מענדל איז געקומען און געזאָגט: טיפער. טראָט בײַ טראָט.
ניט בחיפּזון.
שמשים און גבאים — אַוועק פון מײַן צימער.
פאַרשטעלט ניט דעם הימל,
זײַן צאַפּל, זײַן שימער,
פאַרשטעלט ניט די וועגן פאַרן קרעכץ פון אָרעמאַן.
אַלע קרוינען
ווינען

אין קרעכץ פון אביון, אין טרער פון יתום.
אַזוי האָט ר׳ מענדל באַפוילן
און חסידות האָט אָנגעהויבן זשאַרען
נײַע קוילן.
מענדל איז געוואָרן דער שבת פון חסידות.

י

אַזוי האָט ר׳ מענדל געזאָגט:
זעקס דורות אין חסידישע שוואַרצאַפּלען.
זעקס דורות אין חסידישן צאַפּלען.
דער ערשטער דור — דער בעש״ט. דער צווייטער — דער מעזריטשער מגיד,
דער דריטער — ר׳ אלימלך, דער פערטער — דער חוזה פון לובלין.
דער פינפטער — דער הייליקער ייִד, רבי בונים — דער זעקסטער,
און ער מענדל — נאָך די זעקס דורות:
דער שבת, דער שורש,
דער אויפזאַמל פון אַלע תּורות,
בעל פה און בכתב,
פון אַלף ביז תּו.

אַזוי האָט ר׳ מענדל געגלייבט, אַז דאָרטן
וווּ ס׳איז שבת
איז ער דאָ. אין גאָרטן
פון אַלע וווּנדערבאַרע פּירות.
דער תּמצית פון דער וואָך, פון אַלע תּורות.
דאַרפן חסידים זיך האַלטן בײַ זײַנע פּאָלעס.
ער איז דער אָפּקלאַנג פון אַלע מזלות.
שבת.
יעדער דור האָט זײַן פּנים.
אמת טאַקע מ׳קאָן ניט אָן אים.
מ׳קאָן ניט אָן בעש״ט, אָן מעזריטשער, אָן רבי אלימלך, אָן חוזה פון לובלין,
אָן דעם ייִד הקדוש, אָן דעם פּשיסכער,

אָבער ער, מיט זײַן געוואָי און טרער, —
שבת, און אפשר שבת שירה,
די קרוין פון אַלע קרוינען אין דער יצירה.

קאָן אַזוי זאָגן אַ מענטש, וואָס פילט אין אַלע זײַנע טיפן,
אַז ער ראַנגלט זיך מיטן שׂטן.
אַז אים האָט גאָט אַנדערש געקנאָטן.
אַז אים האָט מען אַרויסגעריסן פון די זאַלן
און געגעבן אַ ירושה אַן אָרעמע כאַטע,
בײַ זײַן כּורעים, בײַ זײַן פאַלן,
הערט ער שברים, תּרועה, שברים, —
גאָטס סיגנאַלן.
אָרעם איז ער, אָרעם.
אָבער שבתדיק אונטער גאָטס השגחה
אונטער גאָטס חסד און ברכה.

ר׳ מענדל האָט ניט געוואָלט זײַן קיין מײַסטער.
געוואָלט האָט ער זײַן אַ בעל מלאכה.
מיט זײַן שווערן געמיט בײַ זײַן שטענדער,
איז ער געוואָרן נאָענטער
צום ציטערדיקן ווונק פון זײַן הימלישן טאַטן
און געהיט האָט ער אביונים
און געגייט האָט ער אָרעמע כאַלאַטן.

זעקס דורות. ר׳ מענדל — שבת.

יא

איך שטיי איבער דער וועלט מיטן קאַנטשיק אין האַנט און שמײַס און רײַס,
און ווען איר לייגט אַוועק בײַ נאַכט אײַער קאָפּ אויף אַ ווייכן קישן
שטיי איך צוקאָפּן

און היט
אַז אַ טראָפּן
פֿון אמת זאָל ניט גיין פֿאַרלאָרן,
אַפּילו אין אײַער חלום.
איך האָב אײַך געבראַכט מײַנע נעכט און מײַנע טעג,
ניט אויף בקשות פֿאַר שידוכים און מזונות.
איך האָב אײַך געבראַכט אַן אַנדער פֿאַרמעג.
דורך די לעכער
פֿון זיבן הימלען
קוקן אַרײַן אין ייִדישע דעכער
שטערן. טויזנטער שטערן.
נאָר די שטערן פֿאַרקוקן אין אָרעמע כאַטעס.
זיי אַנטלויפֿן פֿון פּאַלאַצן.
זיי נעסטן אין קעשענעס פּולע מיט לאַטעס.
שטערן האָבן פֿײַנט רײַכע פּאַלאַצן.
פֿאַראַן אַ גאָט אין הימל. פֿאַראַן.
און איך בין ניט געקומען אַראָפּברענגען אײַך
מַן
פֿון הימלען.
ס'איז אַ טעות:
אַ רבי קאָן ניט מאַכן נסים ונפֿלאות.
איך בין ניט קיין שליח פֿאַר דײַנע תּפֿילות.
יעדער איינער האָט זײַן טלית.
זײַן תּפֿילה, זײַן געוואַי.
יעדער איינער אַן אייגענע כוואַליע
אין ים;
יעדער איינער בויט זײַן אייגענעם לייטער אין געקלעטער
און פֿריִער צו שפּעטער
מיט אייגענע כּוחות ער וועט דערגרייכן.
זעלטן
ווען דער רבי קאָן אָנווײַזן די וועגן
צו העכערע וועלטן.
שטייסט אויף אין דער פֿרי, ביסטו אַ ייִד,

פאַרסטו גלײַך אַרויס מיט נעגל־וואַסער
צום יריד
פון קודשא בריך הוא.
אַן קאַטאָוועס.
דו דאַרפסט ניט האָבן קיין זכות אָבות.
דו אַליין דער זכות.
שפּאַן ניט אײַן קיין קאַרעטע,
גיי אַרויס צו פוס
צום כּסא הכּבוד.
מיט דײַן אייגענעם זכות וועסטו אָנקומען בשלום
מיט דײַן ניגון, מיט דײַן חלום
צו גאָטס וואָרט.

כּה אָמר דער קאָצקער.

יב

קאָצק טענהט:
דערווײַטער זיך פון פּסולת.
צווישן שדים און מזיקים,
צווישן טמאדיקע קולות,
שטעל זיך אַוועק אין מיטן יריד און שרײַ:
די וועלט איז ניט קיין שפּילערײַ.
עבודה זרה רופט און ווינקט.
שפּיר:
דער שקר שטינקט.

דער שקר וואַלגערט זיך אין היכל.
דער שקר שיכּורט אין דער רינע.
מיט זײַן גאווה רוקט ער זיך אַרײַן אין די פּאַלדן פון דער שכינה.
פּרוּווט ער אײַנרוימען אַ סוד:
צווישן קדושה,

צווישן טומאה
איז ניטאָ קיין נפקא מינה;
צווישן לייב־געברום
און ניגון
רוקט אַרײַן זיך שקר, ליגן.

אַ טראָפּן אמת אַרײַנרײַסן מיט כּוח אין אַלקערל,
אין זאַל —
קומט אָן מיט גרינער גאַל.

אין סוד און רמז
ווי אַ גוטער מײַסטער פידל אויס דײַן וואָרט,
פידל אויס דײַן אמת.

אויף צעקרומטע געסלעך. אין פאַרשײַטע פּאַלאַצן
אומעטום
טראָגן הויך פּאַיאַצן
די פאָן פון שקר. שימל
אויף די פינקלדיקע שטערן אויפן הימל.

דער וועג צום אמת ביטער. שווער.
בוי אים אויס אַ נעסט
און פעסט
און גבורהדיק, גיס אַרײַן אין אים דײַן טרער.

יג

„סתרו יושר" — דער יושר איז פאַרבאָרגן, פאַרהוילן.
ער ליגט טיף, אין קעלערן,
אין חושכדיקע היילן,
און אויב דו וועסט אַפילו דײַן אויג אויף פיצלעך צעטיילן,
וועסטו ניט תּופס זײַן דעם „וסתרו יושר".

בײַ ר׳ מענדלען איז געווען:
„עצתו אמונה" — צו האָבן אמונה און צו גלייבן,
אַז „פּעולתו אמת".
איוב איז געווען זײַן חבר,
נאָר ער, דער קאָצקער, איז געווען אַן אַנדערער, אַ באַנײַטער,
ער איז שוין געגאַנגען ווײַטער:
ניט שרײַען.
שווײַגן.
שווײַגן אַזוי, אַז אַלע געשרייען זאָלן אויפרײַסן די ראַמען.
אַז אַלע שטורעמס זאָלן אויפרײַסן די צאַמען.
שווײַגן אַזוי, אַז דער רעיון
זאָל אַרויס פון זײַנע ברעגן און אַ וועלט פאַרפלייצן.
אַזוי האָט ר׳ מענדל געעצהט.
שווייגן. סײַ ווינטער, סײַ זומער.
אין די חשוונדיקע, רעגנדיקע מעלאַנכאָלישע טעג
בלײַב אַ שטומער.
אַלע דײַנע ווייטיקדיקע שעהען, אַלע צערפולע רגעס
קוקן צו די ברעגעס
פון שטומקייט.
מיט דײַן שווײַגן־שרײַ.
אַלע דײַנע טענות צו גאָט — אַ פלאַפּלערײַ.
דאָס שווײַגן קאָן אַלע תּחומים אַריבער.
עס איז ניטאָ אַזאַ כּוח הדיבור
ער זאָל זיך פאַרגלײַכן צו אַ פאַרשלאָסן מויל.
דערפאַר
פאַרלעש דײַן לעמפּל אין אַלקערל און שווײַג.
אין רעדן, אין טענהן — אַ געפאַר.

בײַ נאַכט, ווען עס קוקן אויף דיר אַראָפּ די שטערן און דײַן האַרץ איז פול,
ווי די שול
יום־כּיפּור מיט תּפילהדיקע ייִדן,
קוק אין הייכן און טראַכט: דאָרט איז פאַראַן
איינער, וואָס ווייסט דעם כּוח פון שווײַגן.

רײַך איז זײַן מלכות מיט צער. ער איז ניט קיין אָרעמאַן.
מיט שטומקייט האָט ער אַ בונט פאַרשניטן.
ער קוקט אַראָפּ אין תּהום
און זעט: זײַן יצירר־כּפּיים דאָרט אין מיטן
ראַנגלט זיך מיט שטראָם.
זאָגט ער צו אים אויף שטומען לשון: שווײַג ווי אַ שטיין.
אין דײַן שטומקייט באַנעם איך דײַן געוויין
טיפער און העכער,
ווי איובס שרײַען צו פאַרמאַכטע הימלען.

יד

ר' מענדל — פאַרזונקען אין מחשבות, געבונדן איין מחשבה צו אַ צווייטער,
רעיונות געקנופּט און געזאַמלט,
אַרײַנגעקוקט מיט זײַנע ליכטיקע אויגן און געשטאַמלט
(נאָר דאָס שטאַמלען איז געווען קלאָר ווי אַ רעגן־בויגן), לאמור:
וואַלד און הימל, אַלע ביימער,
ממעמקים קראתיך — דאַוונען אָן פּעלערן, אָן גרײַזן.
מ'דאַרף עס ניט דערקלערן.
מ'דאַרף עס ניט באַווײַזן.
זיי זענען ווי שטערן,
ווי גראָזן.
גאָט האָט ליב די תּפילות פון אַלע באַשעפענישן,
פון קראָליקלעך, פון האָזן —
גאָט קאָן זײַנע ברואים ניט פאַרלאָזן.
אַ תּפילה פון אַ בוים — אַ סימן, אַז דער שורש לעבט און ניט געשטאָרבן.
אַ תּפילה פון אַ גאַנצן וואַלד — אויב אַפילו
ער פאַלט אַ קרבן
פון אַ שׂרפה, טוען זײַנע תּפילות זיך באַמִיען,
אַז די ביימער אויף זײַן שטח
און די בלימעלעך אַרום זאָלן וואַקסן, בליִען.

ר׳ מענדל האָט ניט געזען קיין ים.
ער אַליין איז געווען אַ ים.
אַ פלאַם.
אַ חלום, וואָס איז אַרויס פון ראַם
און אַוועקגעוואַנדערט אין מרחקים, אין די ווײַטן,
אַריבערגעשפּרונגען דעם טאָג,
געריסן זיך צו אַלע צײַטן,
ווײַל ער אַליין איז געווען אַ הויכער טורעם
און פון זײַנע הויכקייטן
האָט ער אַרויסגעקוקט אויף זײַן לעבן, אויף זײַן שטורעם.

ר׳ מענדל האָט געזאָגט: האָב ליב דעם וואַלד. האָב ליב דעם הימל
מיט אַלע דײַנע בענקענישן און חושים.
זוך אין אויפשפּראָץ פון אַ גרעזל
טויזנטער חידושים.
און געפינסטו אויס אַ חידוש
קוש אים
מיט די צוויי און צוואַנציק אותיות פון דײַן יידיש.
גאָט האָט אָנגערופן אַלע ברואים מיט די נעמען —
דאַרפסטו זיך ניט שעמען
גיין אין גאָטס טריט
און אויסקושן דעם סוד פון זאָמען,
אַ סוד פון זײַן ליבן נאָמען.

ר׳ מענדל האָט צו וואַלד, צו הימל גערופן
ווי אַ קינד רופט זײַן מאַמע.
ר׳ מענדל איז געווען בגילופין
ווען ער האָט דערזען אַ שטערן אין די הימלען טאַנצן אַ קאַדריל.
מיט זײַן רוגזה איז אויך וואַלד און הימל געוואָקסן אין זײַן היכל.
האָט ער דערזען אַ בוים, אַ בלום, אַ גרעזעלע — האָט ער זיך צעשמייכלט.

טו

האַלט זיך ניט אַזוי היימיש
מיט די הויכע הימלען.
דער מײַסטער ווינט העכער
איבער אַלע ייִדישע דעכער,
און איבערן כּסא הכּבוד.
די הויפּט־סטרונע
פון זײַן פידל האָט געפּלאַצט.
מיט חרדה, און מיטן גאַנצן כּבוד,
צווייפלט ער אַרײַן אַ מאָל אין זײַן אמונה.

נאָר מיט דײַן ווייטיק קאָנסטו זאָגן:
זה חלקי
מכּל עמלי.
זײַ ניט קיין שמעלקע
מיטן רבונו של עולם.
האַלט זיך ניט בײַ זײַן פּאָלע.
אין סידור ווילן דיך פאַרנאַרן אַלע תּפילות.
דײַן קעניגרײַך, ייִד, איז גרויס.
שטעלסטו זיך אַוועק מיט דײַנע קשיות, מיט דײַן פרעגן,
גייען דיר אַנטקעגן
אַלע שטערן.

דרך ארץ פאַר דײַן פרעגן
אויף אַלע אימה־וועגן.

מיליאָנען סודות אין זײַן מלוכה.
איך, מענדעלע, זאָג:
איך וואָלט זיך ניט אונטערגעוואָרפן פאַר אַ גאָט,
וואָס זײַנע דרכים וואָלטן זײַן קלאָר
פאַר יעדער טיפּה סרוחה.
דו ביסט אַן עדות

פון זײַן גדלות,
קלײַב אויף אין דײַן טאָרבע אַלע זײַנע סודות.

סודות פון פײַער, סודות פון שטורעם.
סודות פון וואָרצלען.
סודות פון יסורים.

מיט די סודות בוי און עקבער אין די טיפן אויס דײַן עיקר,
דו מענטש פון צער,
דו קלעטערער אויף יעקבס לייטער,
דו אָפּוואַרטער אויף משיחס קלאַנג
פון קופּערנעם טרומייטער.

טז

האָט מען ליב אַ ייִד, דאַרף מען אים אָננעמען בײַ די האָר,
אים אַרויסשלעפּן פון בעט
און אַרײַנבלאָזן אין זײַנע אויערן בקול רם:
שמע ישׂראל!
אַזוי האָט ר' מענדל פון אהבת ישׂראל גערעדט.
מיט פלאַם
דאַרף מען אהבת ישׂראל אויסברענען. מיט פלאַם.
אַ ייִדיש האַרץ ניט אָפּצושאַצן.
האָב עס ליב, ווי אַ ים האָט ליב זײַן כוואַליע,
ווי אַ חתן זײַן כלה,
ווי דער מלך זײַן קרוין,
ווי גאָט האָט ליב זיך אַליין,
ווי די ערד האָט ליב איר זשומען,
ווי די חיה איר ברומען,
ווי דער הימל האָט ליב זײַנע שטערן
און מלאכים — די מענטשנס טרערן.
אַ ייִדיש האַרץ — ניט אָפּצושאַצן.

האָט געצונדן ר׳ מענדל אהבת־ישׂראל־שטורקאַצן.
איז ער געקומען צו פאַרקלעמטע הערצער,
צו זײַן אייגענעם קלעם,
דערציילן זיי די יסורים פון איוב און פון שם.
איז ער געקומען מיט זײַן טאָרבע אויף זײַן געבויגענער פּלייצע
און געשוויגן מיט געשריי:
מײַן עצה
לעבט ניט נאָר מיט יִיאוש.
לעבט ניט נאָר מיט בייזקייט, ווי אײַער רבי, מיט חֵמה.
באַנעמט די סודות פון דער וועלט, סודות טיפע. געהיימע.
און דער גרעסטער סוד:
אהבת ישׂראל.
ווײַל: זה בריתי.
ליב האָבן אַ ייִד דאַרף זײַן דײַן שטענדיקער שויתי.
דער מקום קדוש פון דײַן שטורעם.
די אָנגעצונדענע לאַמטערן אויפן מגדל, אויפן טורעם.
אַ פאַרוואָגלטע ייִדישע נשמה זוכט אַ היילונג. אַן אויסלייז.
אין אהבה, דו אומעטיקער, מידער,
וועסטו זי פאַרפאַנצערן מיט אַ נײַעם סידור
און אין סידור מיט קידוש לבנה אותיות:
אהבת ישׂראל לעם דעם שמע ישׂראל.
איין געבאָט:
אַזוי האָט געזאָגט גאָט
און אַזוי באַשטעטיק איך, מענדל דעם אָרעמען גלעזערס זון.
שטייסט אויף אין דער פרי, נאָך וואַסער־נעגל
זײַ עולה רגל
צו אהבת ישׂראל.

ר׳ מענדל איז געווען אַ נע ונד אין גרויסע מחשבות. אַ וואַנדערער.
בײַ דער סוגיא אהבת ישׂראל
איז ער ניט געווען קיין בייזער. קיין חומרהדיקער.
ער איז געווען אַן אַנדערער.

יז

די וועלט ברענט. עס איז סכּנת נפשות.
אויף דער וועלט איז אויסגעשפּרייט אַ הימלישער גזר.
דאַרף מען זיך פאַרמעסטן קעגן הימל און שרײַען.
נאָר גיי שריַי חי וקים. דו בלײַבסט דער אייביקער נאַר.
דער מהלך צום מענטש אַ מײַליקער. צו אַ יחסן. צו אַ פּויער.
אויף זיבן שלעסער פאַרשלאָסן זײַן נשמה.
אַ טויער אויף אַ טויער.
דער מענטש אַ פאַרבלאָנדזשעטער. מ׳דאַרף נאָכגיין זײַנע טריט.
עולם הזהדיקע גלוסטונגען גייען האַנט בײַ האַנט מיטן שׂטן.
דער יצר הרע גליט.
פון תּאוות איז די וועלט געקנאָטן.
די וועלט ברענט. סכּנות נפשות.

פאַרשווײַגן חסרונות — חלילה און חלילה.
די אַלף
פון בן־אָדם —
מיט אַ שאַרפן חלף
אויסשנײַדן חסרונות.
איך, מענדל טאָמאַשאָווער וויל אײַך זאָגן:
די וועלט קאָן קיין קיום ניט האָבן מיט שקר.
די וועלט קאָן ליגן ניט פאַרטראָגן.
אַזוי האָב איך אין מײַן תּהילימל פאַרשריבן
און אַזוי איז עס פאַרבליבן:
דער בעל־בטחון
האָט דעם שקר אויף פּיצלעך צעבראָכן.

ר׳ מענדל האָט ניט געזוכט קיין חסד. קיין גנאָד.
ער איז געגאַנגען אין פײַערדיקן קאַראַהאָד,
געבויט אַ בנין. אַרײַנגעשטעלט פענצטער, טירן.
אַ רעמל צו אַ רעמל
מיט געדולד פון מידבּרדיקן קעמל,

אויב אַפילו זײַן רוגזה האָט אים ניט איין מאָל געטאָן פאַרפּירן.
ר׳ מענדל אויף די גרויסע וועלטישע שליאַכן
איז געווען אַ יתום.
אַ יתום וועלכער ווייסט ניט דעם סוד פון לאַכן.
נאָר אַ גרויסער בעל נכסים
אין אַלע מיני עצבות.
די עצבות האָט דערטרונקען זײַן פרייד
און האָט געקנאָטן פון ליים, ווי דער מהר״ל זײַן גולם,
זײַנע פײַערדיקע רייד.

אַ רבי, וואָס איז קיין רבי ניט געווען.
אַ שטענדיקער שופט פון זײַן גאַנג.
פון זײַן ניגון. פון זײַן באַגער.
פון זײַן דראַנג.

יח

אַרויסרײַסן דעם יצר הרע מן השורש. קיין איין גוט וואָרט וועגן עולם הזה.
אַ פּיצל ייִדל צווישן צעברויזטע כוואַליעס.
פרײַטיק אין בית מדרש מיט פּחד:
לכה דודי לקראת כלה.
אָבער דער הימל איז שקיעהדיק.
דער הייליקער שם פלאַטערט צווישן די כמאַרעס.
די כמאַרעס זוכן תּיקון.
אויף די דעכער מחנות קראָען. טשאַטעס.
אויף די גאַסן — פאַרמשפּטע
אַרעסטאַנטן. אַלע צווישן גראַטעס.
איך וואָלט געשווירן:
ר׳ מענדל שטייט און טראַכט:
דער מענטש אַ קרבן. פאַרלוירן.
ווער וועט ראַטעווען?
עוולות — אַפילו פון דעם בורא עולם — גאַנצע אַרמייען.

איז דאָס די טבע
פון דער וועלט. ווער קאָן דאָס פאַרדייען?
אַזוי פיל הכנעה. אַ מענטש ווי אַ פלעווע
אין ווינט. אַרויף. אַראָפּ.
געקומען זוכן אַ ביסל שיינקייט
און נאַדיר: מיסט.
עס פאַרדריסט.
ניין. קיין איין גוט וואָרט וועגן עולם הזה.
אין קלעם. אין פענט.
ווער האָט אויף דער גרויסער וועלט
דעם בורא דערקענט?
ווער האָט זײַן גאַנג,
זײַן קלאַנג
באַנומען?
אַ שטוב מיט שטרויענע דעכער.
אַ הימל מיט לעכער.
כמאַרעס. אויף די כמאַרעס אַ פידלער מיט אַ פידל
און די פידל — מיט געפּלאַצטע סטרונעס.
משונה.
נו גיי זאָג אַ גוט וואָרט וועגן עולם הזה?
פאַרהאַק אויף זיבן שלעסער דײַן מויל און פאַרשטשירע די ציינער:
די וועלט איז ניט אין טהרה.
די וועלט ווערט ניט ריינער.
די וועלט איז אין זומפּיקן באָדן.
מיט יצר הרע באַלאָדן.
מיט מרידה קעגן די צען געבאָטן.
אפשר — בל אפתח פה לשׂטן —
איז דער אַלמעכטיקער אַרײַן אין כמאַרע און באַהאַלט זיך אויס?

ר׳ מענדל איז ניט געגאַנגען אַנטקעגן די הנאהס פון דעם עולם הזה.
ער האָט נאָר געמורמלט:
אויסרײַסן דעם יצר הרע פון דעם שורש. אויסרײַסן.
ר׳ מענדל איז געווען אַ רוגזהדיקער ייִד. אַ כּעסן.

יט

דער וואָס טראַכט על פּי פּשט איז אַ טיפּש.
דעם זיַין, די גבורה,
די ניט אָנגעשריבענע שורה
פֿון טאָג,
קאָן מען נאָר פֿאַרשטיין מיט פּשט, רמז, דרש און סוד.
דו מיינסט אַז דו ביסט קלוג,
ווען דו קומסט צו מיר און זאָגסט:
מיט פּשט. גענוג.
מ׳דאַרף ניט דעם רמז, דעם דרש און דעם סוד.
ער אַליין —
דער פּשט, שניַידט זיך אַריַין אין סאַמע ביין
און זאָגט דיר אַלץ, פּשוט און קלאָר.
זיַי אַ גוטער ריַיטער
אויפֿן רוקן פֿון דעם פּשט און דו וועסט פֿאַרשטיין דיַין דור.

מיטן פּשט אַליין ביסטו אָרעם.
זאָגט ר׳ מענדל: ניין און ניין. מ׳דאַרף גיין וויַיטער.
קאָנסט מיט אים דערגיין צו איין תּקיעה.
צו דעם שופֿרדיקן שברים
וועסטו ניט דערגיין.
דער פּשט האָט אַ נטיה
צו באַצאָלן מיט אַ קליינער מטבע.
מיט אַ קופּערנעם רענדל.
האָבן מיר געלערנט ביַי אונדזערע חכמים:
רמז, דרש און סוד האָבן אַ שטאַרקע דעה
אין דער יצירה.
ניטאָ קיין תּפֿילה. ניטאָ קיין פֿאַרזייטער זאָמען.
ניטאָ קיין גלייביקער אָמן
אָן די דריַי באַגלייטער.
אין כּתר זענען זיי פֿינקלדיקע רובינען.
לאָז זיך דינען,

חסיד מײַנער, לאָז זיך דינען.
ניט מיט פּשט אַליין קאָן אַ ייִד זײַן ניגון זוכן און געפינען.
דאַרשטיק ביסטו, זאָלן די דרײַ באַגלייטער,
ווי קוואַליק וואַסער איבער דײַן פּיסק רינען.

אַזוי האָט מענדעלע באַגעגנט
זײַן הלכה און אגדה.
אַזוי האָט מענדעלע באַרעגנט
זײַנע פעלדער.
אַזוי האָט מענדעלע מקבל פּנים געווען
זײַנע צען אויסגעבענקטע ייִדן.

ר׳ יצחקל וואָרקער איז געשטאַנען פאַרקלערט
און מיט צער מענדעלען אויסגעהערט:
איך דאַרף ניט קיין צען מיוחסים. איך דאַרף ניט אַזוי פיל הימל.
איך דאַרף ערד. אַ דאַך.
דער פּשט אַליין איז אַ סך. אַ סך.

כ

ווער איז דער בעל הבית פון דער וועלט? ווער?
ווער גייט נאָך דײַנע טריט, דו פערד אײַנגעשפּאַנטער אין דוהעס?
ווער איז דײַן בעל־עגלה? ווער דײַן שמײַסער?
ווען דו קומסט אויפן גרויסן יריד פון לעבן, מיט וועלכע שפּראַכן
רעדסטו צו דעם בורא?
מיט וועלכע תּנועות?
און ווער די וווּנדער פון דײַן תּפילה טוט באַוואַכן?
זאָג, רעד אַ וואָרט, ר׳ ייִד.

אויב דו וועסט דײַן יצר הרע אײַנשמידן אין קייטן,
אויף קידוש־המענטש גיין, אויף קידוש־הייִד

איינער פאַרן צווייטן;
אויב דו וועסט טאָג־טאָג אָנשרײַבן דײַן חיבור,
אַז דו דאַרפסט דעם רבונו של עולם דינען טרײַ,
מיט צאַפּל, מיט האַרץ און פיבער,
ווערסטו מנצח זײַן אַלע רוחות.
פאַרשרײַב. פאַרשרײַב ר׳ ייִד —
מענדעלעס לוחות.

דער בעל הבית פון דער וועלט איז דײַן ניגון.
מען קאָן ניט אמתדיק זינגען דורך איבערחזרן אַן אַלט געזאַנג.
האַק־אויס אין באַרג די שטיגן
און שטײַג פון קלאַנג צו קלאַנג,
און מאַך דײַן חשבון, ווײַל צאָלן דאַרפסטו צאָלן
צי דײַן תּפילה איז אויף הויכע בערג,
צי אין טיפע טאָלן,
נאָר זינג אַזוי, ווי אַלע טײַכן זאָלן פליסן
צו דעם ים,
ווי אַלע ריסן
פון דער וועלט זוכן זייער תּיקון,
ווי אָנצינדן אַ פלאַם, ווי חשבונען דײַן חשבון פון רחמים און פון דין.

מענדעלעס לוחות זענען האַרבע. די אותיות מעסערדיקע, שאַרפע.
ער האָט פאַרקריצט אין זיי אַ וועלט מיט סודות.
אָנגעצויגענע סטרונעס אויף זײַן האַרפע.
דער סנה אין מידבר און אַלע ייִדן בײַם באַרג סיני זײַנע עדות.
ניט קיין רויִקע, גרינע אויסגעפלאַסטערטע אַלייע,
ניט קיין גרינער בוים,
ניט קיין לאָנקע, נאָר אהיה־אשר־אהיה,
פאַרשריבן מיט ברענענדיקע שורות דף נאָך דף:
אהיה־אשר־אהיה אין באַשאַף.

ווער איז דער בעל הבית פון דער וועלט?
מענדעלע האָט געזוכט אַ תּשובה. ווי אַ חיה,

געשטאַנען אין אַלע ווינקעלעך
און געטייַעט
נאָך דער תּשובֿה.
נאָר דעם הונגער זייַנעם האָט מענדעלע ניט געשטילט.
ער האָט געוואָיעט ווי אַ הונט און געלעקט זייַן ווונד.

כא

צווישן דער תּורה און די אויגן דאַרף ניט זייַן קיין מחיצה,
אַפּילו ניט קיין ברילן.
ווילסטו דייַן הונגער שטילן,
פֿאַרטרייַב דעם שׂטן,
שטעל אַוועק אַ הויכע וואַנט צווישן דיר און אים.
אַזוי האָט ר׳ מענדל געקנאָטן
אַ רעיון נאָך אַ רעיון.
ווייַל ניט חידושי תּורה, נאָר דאָס לעבן
געוואָלט האָט ער באַנייַען.
אָט קומט דער שחר אָן און דערנאָך די זון.
צעשיט זי
טויזנטער שטראַלן, אין אַלע ווינקעלעך, אין אַלע שפּאַלטן.
ניטאָ קיין מחיצה
צווישן זון און ערד.
אומעטום קריכט אַרייַן די זון און טוט באַהאַלטן
איר חסד. איר גנאָד.
איר ליכטיקייט.
איר סוד.
צווישן דיר, חסיד מייַנער, און דער תּורה זאָל ניט זייַן קיין צאַם.
נאָר דער רצון
און דער פֿלאַם.

ר׳ מענדל מיט זייַן אויפֿגעפֿראַלטער צונג,
האָט געשמיסן און געריסן

פון זיך אַליין זײַן שׂימחה און זײַן בייז.
זײַן שטילקייט און געקלונג.
צווישן אים און זײַן וואָרט האָט ער צעוואָרפן אַלע טויערן.
שטענדיק מיט דער זעג אין האַנט. אַ זעגער.
שטענדיק מיט אָנגעשפּיצטע אויערן. אַ מקשיב.
מיט זײַנע שאלות און ניט פאַרענדיקטע תשובות. אַ פרעגער.
זײַן וואָרט צעטיילט
אַן אביון. אַ פויער. אַ משרת.
זײַן וואָרט האָט פאַרוווּנדיקט און געהיילט.
געהיילט און פאַרוווּנדיקט דעם רײַכן אין דעם פּאַלאַץ.
דעם אָרעמאַן אין אַלקער. אין די נאָרעס.
אין געשריי. אין שווײַגן. אין שטילע רייד
געזוכט באַשייד.
געשפּונען חסד און דין.
געזוכט אין וואָרט, אין פּסוק — חומרה. זין.
האַרט ווי שטיין
און מילד
ווי אַ געוויין
פון אַ קינד.
אין פלאַם. אין גלי.
און געפאַלן איז ער אין מיטן פלי.
ר' מענדל איז ניט געווען קיין מנהיג, קיין פירער.
נאָר אַ גרויסער מאַרשירער.
אַ גייער.
און צווישן זײַן טראָט און וועג איז ניט געווען קיין מחיצה.

כב

מ'קאָן ניט ראַטעווען די גאַנצע עדה. מ'קאָן ניט ראַטעווען דעם ציבור.
נאָר אַ מנין ייִדן.
מ'קאָן ניט אויסהיטן די גרויסע וועלדער, איז לאָמיר אויסהיטן צען צווײַגן,
מאַכן פון די וואָרצלען אַ לייטער,

און זאָלן זיי בלעטערווײַז שטײַגן
צו די שפּיצן.
מ׳קאָן ניט ראַטעווען דעם גאַנצן ים, מ׳קאָן קוים
אויסהיטן אַ שוים
פון אַ כוואַליע.
מ׳קאָן ניט אויסלעבן דעם נצח,
מ׳קאָן נאָר גרונטעווען אין אויסגעציילטע שעהען.
און אויסשעפּן אַלע ברונעמער קאָן מען ניט,
מ׳דאַרף דערטאַפּן נאָר עטלעכע דנאָען.

מ׳דאַרף נאָר דערבליקן דעם אויבן־אָן,
דער וואָס זיצט אויף דעם מלכותדיקן טראָן:
דעם סנה.

מ׳קאָן ניט פֿאַרשרײַבן אויף די פּאַרמעטן אַלע זכרונות,
און אויסבלעטערן אַלע בלעטער אויך ניט.
דאַרף מען אָפּזוכן צוויי דרײַ שמות.
פֿאַרשרײַב: צוויי דרײַ שמות,
און אויסלעקן פון זיי אַלע פּחדים.
אַלע אימהס.
מ׳קאָן ניט באַווײַזן
אויסשמידן ווי אַ שמידער
אַלע פײַערן אויף דעם אָנגעגליטן אײַזן.
גענוג אַ פונק.
מ׳קאָן ניט באַנעמען אַלע רמזים פון דער וועלט,
גענוג אַ ווונק.
מ׳קאָן ניט אויסשמעקן אין די גערטנער אַלע בלומען.
מ׳דאַרף אויסהיטן פון דאָרט און פון דאַנען
צוויי דרײַ ראָזעס
זיי זאָלן ניט פֿאַרוויאַנען.
מ׳קאָן קיין מאָל ניט דערגרונטעווען אַלע טיפן,
דאָס קאָן ניט אויך דער בעסטער קאַפּיטאַן
אויף די שיפן;

זײַ אויפֿן גרויסן ים אַ קלײנער שיפֿער,
און װען די שקיעה קומט,
לאָז זיך אַראָפּ װי אַ טויכער טיפֿער, טיפֿער.
און װען דו װעסט אַרויף מיט צװײ צעגליטע אויגן,
װעסטו זיך באַרימען,
אַז דו האָסט תּהומות אַנטפּלעקט, און דאָס װעט זײַן דײַן סימן.

מ׳קאָן ניט ראַטעװען די גאַנצע עדה. מ׳קאָן ראַטעװען יחידים.
און פֿאַרשרײַבן דאַרף מען עס אויף אַלע מגילות:
ראַטעװען דעם יחיד און באַשענקען אים מיט תּשבחות און תּהילות,
װײַל ער איז אַ קלײנע כװאַליע צװישן גרויסע כװאַליעס,
קאָן מען װי עס איז אָנקומען צו זײַן פּנים, צו זײַן התגלות.

כג

האָט דער מענטשלעכער קיום אַ זינען?
שטײען מיר ניט אַלע בײַ געלעכערטע פּעסער און גיסן װאַסער?
צי אַ יחיד, צי אַ מנין
לויפֿט און האַװעט, קויפֿט זיך אײַן מיצװות. האַלט זיך אָן אין גאָטס פּאָלע,
אַ גאַנץ לעבן אין לויפֿעניש,
אין בהלה,
לויפֿט אל התּפֿילה, לויפֿט אל הרינה,
פֿון פֿידל צו פֿידל, פֿון פֿלײט צו פֿלײט,
פֿון נגינה צו נגינה —
האָט דער מענטשלעכער קיום אַ זינען?

אפֿשר די גאַנצע אַרבעט אַרויסגעװאָרפֿן?
װײַל קומען קומט די שעה און דו פֿאַלסט אַנידער,
אין דײַן אומרו, אין דײַנע ספֿקות,
מיט אַ געלעכערט האַרץ. אַ מידער.
אַלץ װערט שװאַרץ. נאָענט צום לעכערדיקן דאַך, שפּינט אַ שפּין,
פֿאַרװיקלט זיך אַלײן אין איר מלאכה.

איז טאַקע אַזאַ דאַרף זײַן דער דין
אַז דער מענטש, ווי די שפּין, זאָל זיך פאַרפּלאָנטערן אין זײַנע שטעפּ,
אין זײַן געוועב,
און אפשר פּלוצלינג אין ספק דערזען,
אַז עולם הבא איז ווײַט,
און שוואַך איז דער קנויט פון זײַן ברען,
און קורץ איז די צײַט,
און אויך דער עולם הזה,
שאַנעוועט ניט זײַן געביין
און איז מבזה
זײַן געלעכטער און זײַן געוויין.
אפשר די גאַנצע אַרבעט אַרויסגעוואָרפן?

אפשר זענען אונדזערע מעשׂים ווערט אַן אויסגעבלאָזן איי.
און עס העלפט ניט די שטילע תּפילה.
עס העלפט ניט דאָס געשריי.
אַזאַ איז שוין דײַן דאָליע.
אַזאַ דײַן פליכט,
דײַן ראָלע, —
ראַנגלען זיך אין ספק, נאָכלויפן דײַן שאָטן,
שטאַמלען דײַנע ווערטער,
און זײַן אַ פידלער וואָס פידלט אָן נאָטן,
אָן אַ ציל, אומזיסט.
און אויב דער מענטש שטינקט, איז דאָך אַלץ פּסולת,
מיסט.

אָבער טאָן מוז מען. אַזוי וויל גאָט.
האָט ר׳ מענדל געעפנט זײַנע ליכטיקע אויגן און איבערגעחזרט שטרענג:
אַזוי וויל גאָט.
אין דײַן רחבות זאָל דיר זײַן ענג.
נאָר די ספקות האָבן ווי זשומענדיקע בינען
געשטאָכן:
האָט דער מענטשלעכער קיום אַ זינען?

כד

אַל תפן ליצר.
געזעגן זיך. דערווײַטער זיך.
מיט זימה איז דאָס וועלטעלע פול.
זימה איז מסיג גבול
פון בורא.
גאָטס קרוין
קאָן מען ניט צעטיילן.
גאָט וויל, דו זאָלסט זײַן מיט אים אַליין.
גאָט וויל ניט, אַז אין זײַן קוואַל
זאָל זיך פליעסקען אַ טײַך.
ער, דער בורא, איז גענוג רײַך,
ער דאַרף ניט קיין באַגלייטער.
דער יצר
זאָל זיך פרעגלען אויף די וועגן
ווי אַ שלאַנג אַ טויטע.

אַ גאַרטל אַרום די לענדן. אַ צוים.
פוןווילדע מחשבות
היט אויס דײַן טרוים.
דעם יצר טרײַבט אַרויס.
לדורי דורות ריין זאָל זײַן
זײַן הויז.
פרווו —
און דײַן טראָט צו אַלע הימלען וועט דערשפּאַנען.
דע: מה למעלה, מה למטה,
וויסן דאַרפסטו וויסן
פון וואַנען
קומען דײַנע חלומות און חזיונות.

די וועלט — אַ באַרג.
קלעטער.

נאָר דעם יצר
פֿאַרברען.
צעשמעטער.

דער יצר איז אַ קפּדן.
ער האַלט דיך אין זײַן פּענט.
ער וואַרפֿט אָן זײַן אימה ווי אַ לייב־געבריל.
אין די ד' אמות פֿון דײַנע גראָע ווענט,
וווּ נאָר ער וויל
קריכט ער אַרײַן ווי אַ שלאַנג און שפּײַט אויס זײַן גיפֿט.

קומט קאָצק און זאָגט:
אין תּהומות
פֿון פֿעלדזיקע שפּיצן וואַרף אַרײַן דעם יצר
און מעק אָפּ די אימהס
פֿון דײַן וועג.

כה

אין צעריסענע מלבושים איז ער געשטאַנען פֿאַר זײַנע תּלמידים
און געזאָגט מיט רוגזה: עס טוט מיר וויי דאָ און דאָ.
פֿון ענק טוט מיר וויי.

געווען איז עס אַ בייזע שעה,
אַ שעה פֿון קרעכץ. פֿון געשריי.
איינזאַם, אַפֿילו ווען ער איז מיט פֿרײַנד געזעסן צוזאַמען.
געווען איז ער אַן איינזאַמע קויל צווישן פֿלאַמען,
אַ ווונדיקער פּאַס אויפֿן גוף פֿון ציבור.
אַ זשאַר
וואָס האָט זיך צעברענט אין כּוח הדיבור,
אַ גזר
פֿאַרשריבן אויף אַ פּאַרמעט־מגילה.

— און דאָך איז מענדל געוואָרן נתגלה
צווישן אַ סך ייִדן
און איז געוואָרן נתעלה
ווען אַן עדה איז געשטאַנען איינגעוויקלט אין טליתים.
דאַן איז ער געווען אַ לעבעדיקער צווישן לעבעדיקע
און ניט קיין מת צווישן מתים.
דאַן האָט ער מקיים געווען: „עבדו את השם בשׂמחה".
זײַן עצבות האָט אים ניט געשטערט
טועם זײַן די פרייד פון עבודת השם,
אַזוי ווי דער פויער אין פרימאָרגן בײַ זײַן ערד.
מיט זײַן עצבות איז ער שטענדיק געווען מיט אים,
מיטן השם יתברך.
געהערט האָט ער זײַן קול. זײַן שטים.
פון זײַן עצבות באַוואַכט
געזען האָט ער זײַן מופת. זײַן נס,
זײַן מאַכט.

אין זײַן אַליינקייט האָט ער מיט שׂימחה געקוקט
און עפּעס האָט זײַן נפש
געוויינט, און דאָס האַרץ געצוקט,
און אַלץ אַרום אין שטורעם. אין געוויטער.
און שטענדיק מיט אים,
מיטן שומר. מיטן היטער.
מיט צור ישראל.
ווײַל ער קאָן ניט אָן אים.
אין זײַן עצבות האָט ער טועם געווען די פרייד פון זען דעם בורא עולם פּנים אל פּנים.
ווי די וואָרקייט
אַליין.
ווי די קלאָרקייט
אַליין.
ווי אַ קינד אין זײַן שויס
ווי אַ דערוואַקסענער מענטש אין זײַן ברויז.

ר׳ יצחק וואַרקער אַ למדן. ר׳ יצחק מאיר אַן עילוי
און ער, ר׳ מענדל טאָמאַשאָווער — אַ חידה.
אַ רעטעניש. אַ ניסתּר אין זײַן גילוי.

כו

דער רצון פון גאָט איז — דער מענטש זאָל אים ניט לאָזן צו רו.
דעם מענטשנס קול
אַ קאָנטראָל
איבער גאָטס פירונג אונטער גאָטס הימל. אונטער זײַן סטעליע,
שטייט אַ מענטש אַליין, צי מיט זײַן קאַפּעליע,
און האָט השגחה,
אַז גאָטס אַרבעט
זאָל זײַן קאָרעקט, אויסגעפירט דורך אַ גוטן בעל מלאכה.
אַ מענטש האָט ברענענדיקע ליפּן,
דאַרף ער אויסהיטן דעם הימל פון טעותן.
דאַרף ער דעם צער פון אביון מיטן כּסא הכּבוד פאַרקניפּן,
און ער דאָרט זאָל פילן, אַז ניט גוט און ניט זיס
איז דאָס לעבן פון זײַן יציר כּפּיים.
ר׳ מענדל האָט פּרובירט אויסמײַדן דעם ריס
צווישן בורא־עולם און מענטש.
אין זײַן שטעטל
קאָצק
האָט ער געבונדן אַ בלעטל צו אַ בלעטל
און אַלע בלעטלעך: תּורת חיים.
אין אַלע בלעטלעך: שאלות. ספקות. ווּהין? פון וואַנען?
פולע סלאָיעס. פולע קאַנען
מיט שאלות.

געוואָלט האָט ר׳ מענדל זאָגן זײַן שיר המעלות
קלאָר און אָפן.
אויב פאַרן מענטש איז אין רחמים בדין,

פאַר אָרעמע, פאַר רײַכע, —
איז אויך דער בורא און דער ניברא גלײַכע,
ביידע שטייען צום משפט פון נצח.
נאָר מענדעלע פרעגט אין יאָגעניש:
פאַר וואָס בלײַבט דווקא דער ניברא אַ צעשלאָגענער,
און ער שטענדיק גערעכט.
פאַר וואָס אַ צעממיתטער ליגט צעפּײַניקט
דער קנעכט
און דער האַר פון דער וועלט געפינט שטענדיק אַ שפּיצל
און ווערט ניצל
פון טענות. אַפילו דער גרויסער איוב האָט זיך אונטערגעגעבן,
און נאָך יסורים פון טעג און נעכט
אַרײַנגעשריבן אין ספר הספרים:
גאָט און זײַן משפט איז גערעכט.

פון אַלע זײַטן וועלט: פון מיזרח און מעריב, פון צפון און דרום
שרײַען אַרויסגעריסענע וואָרצלען פון די טיפן.
שרײַען דערטרונקענע שיפן
און ער שלײַדערט און שיט
דונערן, בליצן, —
איז ווי קאָן איך דיך, אביון, אויסהיטן, באַשיצן
און שטאַרקן דײַנע טריט?
נאָר דער רצון פון גאָט איז — דער מענטש זאָל אים ניט לאָזן צו רו.

כז

דער קאָצקער האָט געשריגן מיט אַלע זײַנע שווײַגענישן
און געשטומט מיט זײַנע געשרייען.
אין שחר בײַ דער תּפילה.
אין שקיעה בײַ די ווייען.
בײַ אַלע טרוימענישן. בענקענישן. געשריגן און געשוויגן
מיט זײַן שטומען ברומענדיקן ניגון.

זײַן תּפילה האָט געהערט דער בוים. דער וואָרצל.
אפשר אויך אַ שיקסל בײַ דעם שליאַך
און דער נידעריקער דאַך,
(נידעריק — ביז צום כּסא הכּבוד איז ער אין זײַן נידער
דערגאַנגען.
אַזוי ווי לידער
פון גרויסע תּהילים־זאָגער).

דעם קאָצקערס תּפילה איז געווען אַ גלאָק.
אַ שטילער טײַך.
אַ זריחהדיקער טאָג.
אין פאַרבן און אין קלאַנגען רײַך.
אָנגעשפּאַרט זײַן מידן קאָפּ אויף אַן אויסגעדאַרטע האַנט,
אַ האַנט, אַן אָנהאַלט. אַ פאַרענטש.
אַרויסגעקוקט פון זײַנע טיפע אויגן — זען:
אפשר קומט שוין אָן אַ מענטש.
אַ ייִד,
ער זאָל אַרײַנגיין אין זײַן אוהל,
און אויסשרײַען מיט אים:
שמע ישׂראל.

באַלאַגערט מיט אומרו איז ר׳ מענדל געווען.
אַן אײנזאַמער אויף דער וועלט.
געזוכט, ווי גייט מען דורך די גריבער
אַליין
און מיט ציבור.
מורא געהאַט, טאָמער וועט ער אַנטשלאָפן ווערן אין דער מיט
ווי חוני המעגל, —
ווער וועט זוכן דאַן דעם טיפן שניט
און ווער וועט זײַן דאָ דער מרגל
פון גאָטס נאָמען, זוכן און געפינען
אַ ייִד
אָט אַזוי ווי ער

צום מנין, צום באַגינען
און צו טרער?

ווי אַ טרעגער אַן אַרומגעגאַרטלטער מיט שטריק
צעגליט,
געזוכט אַ בריק צווישן ייִד און גאָט
און געקניט
פאַרן גרויסן סוד פון ניט געפינען.

כח

נאָר מיט מסירת נפש קאָן מען איַינעמען די וועלט.
שטיינער בויערן.
אויפרייַסן אַלע פאַרשלאָסענע טויערן.
מיט שווערער אַרבעט קאָן מען איַינקויפן אַלע מעלות טובות.
ניטאָ קיין זכות.
געבליבן זענען נאָר חובות.
מיט מסירת נפש קאָן מען צערייַסן יעדן גזר.
יעדע סכּנה.
יעדע געפאַר.

האָסטו ליב — האָרעווע, ווי יעקב האָט געפּראַצעט פאַר זייַן געליבטער רחל.
דער כּביכול
האָט ליב מסירת־נפשדיקע ייִדן,
וואָס באַמיִען
זיך אין עולם הדמיון און אין עולם עשׂיה;
וואָס פּוסט און פּאַסעווען ניט
און באַלעבן מיט זייער מי אַלע גראָזן,
אַלץ וואָס שיין און ליב און טייַער,
און זאַמלען ווי דער פּויער
זייַן האָרעוואַניע
אין זייַן שייַער.

נאָר מיט מסירת נפש קאָן מען איַיננעמען די וועלט,
אַראָפּברענגען די גאולה, אָפּווישן דעם צער פון אַלע שויבן,
און אָפּשטויבן
די עצבות פון דער נשמה.
טלית און קיטל — אַוודאי וויכטיק. נאָר שטיי ניט פאַרגליווערט
קאַלט און פּראָסטיק.
גיי אַריבער
די שוועלן האַסטיק.
מיט לײַב און לעבן. מיט געשאַל.
מיט התלהבות און מיט מסירת נפש
וועסטו אָנקומען צום מקור. צום קוואַל.
דײַן גאַנץ פאַרמעג
וועסטו זאַמלען גייענדיק אויף דײַן שליאַך,
שפּרײַזנדיק אויף דײַן וועג
מיטן יצר טוב פון מסירת נפש, מיט אַ האַרץ אָנגעשטעקט מיט חרדת קודש.
אתה דיין ומוכיח, —
און צו דיר קאָן מען אָנקומען ניט בחינם, נאָר מיט פולע הויפנס אַרבעט.
אויך ער, משיח,
וועט ניט אַראָפּקומען אויף זײַן ווײַסן פערד,
אויב דו וועסט אים ניט אַראָפּברענגען בגוואַלד;

אַזוי איז דיר באַשערט:
אין האַרבסטיקן באַגין
לויף נאָך די גרויסע וואונדער פון דער בריאה
און מיט דער גאַנצער חומרה פון דעם דין,
מיט יראה,
האָב מורא פאַר דער פוסטקייט
און קויף אויס מיט מסירת נפש דעם יריד פון דײַן האָרעוואַניע.

„מיט איין פוס אין זיבעטן הימל
און מיטן צווייטן שטעק איך אין שאול תחתיה".
אַזוי האָט ער אַרויסגעברומט. העכער מאַכן די הימלען האָט ער געוואָלט
און ער האָט באַצאָלט.
דעם צווייטן פוס האָט ער געשלעפּט צו הייכן.
אין הימלישן בנין דאַרפן זײַן בײדע פיס.
בײדע פיס מיט זייער שׂימחה און צער.
עולם המחשבה האָט אים ניט אָפּגעלאָזט.
וואָר דאַרף זײַן חלום און חלום דאַרף זײַן וואָר.
געקנופּט און געבונדן האַרץ און מוח. געווען איז ר' מענדל אַ בונטאַר.
אַ בונטאַר פון זײַן דור.
ווײַט פון שלווה. אַ מענטש מיט פליגל
און מיט וואָרצלען צו דער ערד געשמידט.
געלייגט אַ ציגל צו אַ ציגל
און אַ חלום צו אַ חלום, און פאַר קיינעם ניט געקניט.
אין טיפקייטן פאַרקראָכן. אין תּהומות געזונקען.
ניצוצות געצונדן. פונקען.
פון די פונקען אויפגעזשאַרעט אַ פײַער.
דער באַשעפער אַליין האָט זיך געוואַרעמט לעם מענדלס קאַמין.
ווײַל וויל איז אויך גאָט, ווען אויף זײַן וועלט
דרייט זיך אַרום אַ ייִד וואָס זוכט אַ זין,
אַ זין פאַרן הימל, פאַר דער ערד. פאַרן מענטש.
אַזאַ ייִד איז אַן אָנלען, אַ פאָרענטש
פאַר דעם פביכולס טראָט אויף די אומעטיקע שליאַכן;
אַ ייִד וואָס שרײַבט אַ חיבורל פון איין זײַטל: „ספר האָדם"
און אין חיבורל אַ פּרווו
בויען אַ פונדאַמענט
פאַר מענטש און כּרוב,
פאַר גוף און נשמה
פאַר אומגליק, צער און וויי
געקנאָטן מיט אַ ביסעלע נחמה.

אַ חידוש: אַ פרינץ און אַן אביון, אויסגעפוצט און אויסגעצירט
אין זײַד און לאַטעס.
מענדל האָט דערשפירט:
מ׳דאַרף מחדש זײַן. און מיט זײַן צעווילדעוועטן אימפעט אַרײַן אין סכּנות,
אַרײַנגעטראַכט אין גאָטס פירונג, אין הימלישע כּוונות,
אין דעם הר גריזים און הר עיבל.
געוואָלט פאַרשטיין די מערכה
פון קללה און ברכה.
ספקות עקבערן? מ׳דאַרף טיפער עקבערן. טיפער. מיט אַלע כּוחות און יסורים
די וועלט איז ניט שלווה. די וועלט — איז שטורעם.
וואָס דו האָסט געחלומט קאָן מען ניט דערגרייכן?
נו, איז וואָס —
אָדער דעם הימל צו דער ערד, אָדער די ערד צו העכסטע הייכן...
ר׳ מענדל האָט ניט מורא געהאַט פאַר די שאלות פון מלאך דומה.
ווען די שעה וועט קומען, ער ווייסט וואָס צו זאָגן,
ער וועט געבן צו פאַרשטיין דעם מותר האָדם מן הבהמה...
אויף דעם מלאך דומה מיט זײַן בייזקייט וועט ער שלאָגן.
מיט איין פוס אין זיבעטן הימל און מיטן צווייטן געשטעקט אין שאול תּחתּיה

ל׳

די װענט אין קאָצק — ניט מיט טאַפּעטן באַקלעפּט,
נאָר מיט נשמות.
ניט פון זײַד געוועבט
די קליידער פון קאָצקער חסידים,
נאָר פון פּשוטן פלאַקס.
איז דו, בעל תּפילה מײַנער, זײַ וויסן:
דער פּשוטער ייִד, איז די אַקס
פון דער וועלט,
און דער געוויסן
פון יעדער בריאה.
הײַנט וועסטו דאַווענען פאַר די אַלע וואָס דערקענען

דעם בורא עולם אין זייער שטומקייט,
וועסט ברענען
אין זייער פײַער, ווען זיי קאָנען ניט עפענען קיין ספר, קיין סידור.
ווען אַזאַ פּשוטער ייִד קומט פון פעלד,
אַ פאַרשוויצטער, אַ מידער,
שעפּטשען זײַנע ליפּן אומעטיק און טרײַ
אַ תּפילה צו גאָט.
שטעל זיך אַוועק, בעל תּפילה מײַנער, פאַרן עמוד
און שרײַ
דײַן ויצעקו אויס אויך פאַר אים, פאַרן שטומען דאַווענער,
פאַרן שטומען מענטש, וואָס שטייט אויף יעדן אינדערפרי
און גייט אַרויס מקיים זײַן: בזיעת אפיך תּאכל לחם,
און ברענג אַהיים, ווי אַ פייגעלע אין פלי,
פאַר אירע קליינע פייגעלעך קרישקעלעך ברויט.

און נאָך עפּעס וויל איך דיר זאָגן, בעל תּפילה מײַנער:
ניט נאָר פאַר די לעבעדיקע דײַן תּפילה,
נאָר אויך פאַר די ניפטרים.
פאַר די אויסגעפּוצטע אין תּכריכים
אין די קברים.
ניטאָ קיין געשטאָרבענער ייִד.
איז ער אַפילו שטויב,
טראָגט ער זײַן תּהילים אַנטקעגן גאָט,
טראָגט ער זײַן לויב
צום אל מלא רחמים, —
ווײַל אַ ייִד, אַ לעבעדיקער, צי אַ ניפטר, איז אַ שטענדיקער שטראָם
אין וועלטישע טײַכן,
אין תּהום
פון דער וועלט.
ווײַל אַ ייִד, אַ לעבעדיקער צי אַ ניפטר, אַליין צי מיטן כּלל,
איז אַ שטורעמדיקער ים,
אַ וואַסערפאַל,
און יעדער כוואַליעלע באַזונדער,

דערציילט די נסים און די וווּנדער.
דו הערסט, בעל תּפילה מײַנער.
בײַ דעם דוכן זאָלסטו זוכן
דעם פּשוטן ייִד, צי אַ לעבעדיקער, צי אַ ניפטר.

לא

דער אייבערשטער ווינט דאָרט, ווו מען לאָזט אים אַרײַן.
אָט שטייען אָפן אַלע מײַנע טירן.
אָנגעצונדן אין דעם חושך אַ לאַמטערן —
קום אַרײַן, איך וועל דיך פירן
צו אַלע מײַנע טרערן.
נאָר קום אַרײַן. ווי עס קומט אַ חתן
צו זײַן כּלה.
מײַן טיר איז אָפן. ניט פאַרשלאָסן.

דער אייבערשטער ווינט דאָרט ווו מען לאָזט אים אַרײַן.
מײַנע אויגן און מײַן האַרץ — ווי אַ צעבליטער פרילינג.
מיט חדווה קומט אָן מײַן באַגין.
געבוירן כ'האָב אַ צווילינג:
אמונה און בטחון.
אַזוי שבת, אַזוי אין דער וואָכן.
מײַנע זיידעס
וועלן קומען אין דײַן היכל
און וועלן זײַן מײַנע געטרײַע עדות:
כ'האָב דיך קיין מאָל ניט פאַרראַטן אויך ווען איך האָב געספּקט
צי דו ביסט דאָ.
כ'האָב אויסגעלעקט דעם צער
פון אַלע ייִדישע קינדער דאָרט
ביזן דנאָ
און געשריגן: ממעמקים קראתי יה, —
מײַן טיר איז אָפן, אייבערשטער קום אַרײַן.

מײַן וואַלד איז אַ פֿאַרברענטער.
אַלע וואָרצלען אײַנגעוויקלט אין תּכריכים.
עס פֿעלט דער צענטער
צו דעם מנין.
מיר װעלן אַרויסשיקן אויף דער גרויסער װעלט די שליחים
אַראָפּברענגען דעם צענטן.
אַ פֿאַרברענטן.
אפשר װעסטו, אײבערשטער, משלים זײַן דעם מנין.
גיב אַ צײכן, איך װעל מקבל קנין
זײַן דײַן ברית.
מיט מײַן װוּנד
פֿון כּפּירה
װעל איך פֿאַרשנײַדן מיט דיר אַ בונד
און זינגען שירה.

קום אַרײַן. אויף מײַן תּפֿילה־עמוד
אויפֿגעשריבן: שויתי, אײבערשטער, לנגדי תּמיד.
מיטן חלף אויפֿן האַלדז:
קום אַרײַן. דו זאַלץ
פֿון מײַן ברויט.
דו זאַלץ פֿון מײַן טאָג.

לב

דער דמיון האָט זיך געוואַלגערט אין אַלע רינשטאָקן.
דער דמיון געװען שטענדיק פֿאַרשיכּורט.
נאָר ניכטער איז געװען מענדל. ניכטער.
געזוכט האָט ער דעם עיקר.
װאָס העכער די נשמה, אַלץ גרעסער די קליפּה.
דער יצר הרע קריכט אַרײַן אין אַלע שפּאַרונקעלעך. אין אַלע לעכער.
דער יצר הרע הערשט. מ׳קאָן ניט אָן אים.
מ׳דאַרף בויען װענט אין די הימלישע בנינים,

מ׳דאַרף זיך אָנהאַלטן אין גאָטס פּאָלע,
כּדי באַקעמפן די מזיקים,
די מלאכי חבלה.
מענדל ווייס: זײַן נשמה איז העכער.
זײַן דמיון און זײַן חלום
קלעטערן אין הייכן.
ער וועט די וועלט ניט דורכגיין בשלום
אויב ער וועט די קליפּה ניט טייטן.
דער גוף קאָן אויסשטיין אַלע צרות,
אַלע נויטן,
נאָר דער יצר הרע איז דער אָדון,
דער האַר פון אַלע האַרן,
אים קאָנסטו ניט אין זאַק פּאַרנאַרן.
ער איז אָנגעלאָדן
מיט כּוחות פון דעם שׂטן.
אמת טאַקע. גאָט האָט אים באַשאַפן מיט אימפּעט און מיט גבורה
ער זאָל דײַן טאָג נאָכלויפן, דעריאָגן.
ער איז די שטאַרקסטע שורה
אין דײַן ספר.
מיט זײַן כּוח קאָן ער דיר אין כּף הקלע דערטראָגן
און מאַכן פון דײַן לעבן עפר ואפר, —
איז וווּ נעמט מען כּוחות אין דער מערכה
אַרויסצורײַסן דעם יצר הרע פון זײַן באָדן
און אים זאָגן: דו ביסט אַ שקלאַף און ניט קיין אָדון,
איבער מײַן לעבן וועסטו ניט געוועלטיקן מיט דײַנע פּחדים און דײַנע מוראי
מיט דײַנע טויזנט־קעפּיקע עבֿרות.
ס׳איז דאָ אַ וואָג. ס׳איז דאָ אַ מאָס.
איבער מײַן לעבן בין איך דער בעל הבית,
ניט דו.

מענדל האָט געוווּסט: וואָס העכער די נשמה, אַלץ גרעסער די קליפּה.
מ׳דאַרף דעם יצר הרע געבן אַ זעץ.
האַלטן אים אין דרויסן.

ווײַל ניט דעם קלײנעם ייִד זוכט ער פֿאַרשקלאַפֿן,
נאָר דעם גרױסן.
האָט מענדל אין זײַן לעבן געוואָלט באַווײַזן,
אַז דער יצר הרע איז ניט פֿון אײַזן.

ר׳ מענדלס דמיון האָט זיך געוואַלגערט אין אַלע רינשטאָקן.

לג

דער ייִד הקדוש איז געקומען צו ר׳ מענדלען נאָך דער פּטירה,
זײַן פּנים צעפֿלאַמט. צעהעלט.
איך וועל דיך, מענדל, לערנען תּורה. יִראה.
האָט ר׳ מענדל אױפֿגעכאַפּט זיך פֿון שלאָף
און שטיל אַרײַנגערױמט דעם ניפֿטר אין אױער:
איך וויל ניט קײן רבין פֿון יענער וועלט.
איך וויל עפּענען טיר און טױער
אױף ד ע ר וועלט.
ד אָ. אױף יעדן סטעזשקעלע ווו איך שטעל מײַן פֿוס.
אױף יעדן אָרט.
דאָ. אַ ל ע ב ע ד י ק ע ר זכות.
אַ ל ע ב ע ד י ק וואָרט.
איך וויל ניט אַז אַ מלאך אַ פּרקליט
זאָל נאָכגײן מײַנע טריט.
ניגלה און ניסתּר וויל איך לערנען בײַ אַ לעבעדיקן רבי.
אַ לעבעדיקער רבי האָט אמתן. פֿאַרמאָגט ספֿקות.
ער איז מסיח־דעת אַ מאָל פֿון גאָט אַלײן.
ער האָט שׂימחה.
ער האָט צער. געוויין.
ער איז מיטן ציבור. און אױב ער וויל
קאָן ער זײַן אַלײן.
אָבער אַ טױטער רבי ברענגט פֿון ד אָ ר ט ן
זיסע רייד.

סקאַרבאָווע.
געווען איז ער אין עדן־גאָרטן,
נאָענט צום כּסא הכּבוד,
אַלץ איז אײַנגעוויקלט אין אַ פֿײַער — אין די בגדים
פֿון די אָבֿות.
און איך דאָ, אויף דער וועלט האָב ליב אַ כּשרן פּאָדעם
פֿון אַ שנײַדערל. איך זאָג דיר עס אָן קאַטאָוועס.
אַ פּאָדעם פֿון אַ שנײַדערל איז הייליק מיר און טײַער
מער ווי די תּהילות ותּשבחות דאָרט,
דאָרט אין עיגולדיקן פֿײַער.
אַ לעבעדיקער זיפֿץ פֿון אַ זקן איז מײַנער אַ שטענדיקער קרובֿ.
ער איז ערבֿ
אַז ס'איז דאָ אַ האַרץ. אַ האַרץ וואָס קלאַפּט און ווייקט זיך אין טרערן.
אַ טויטער רבי ברענגט אויף דער וועלט
דעם בליאַסק פֿון טויטע שטערן.
אָן התעוררות. אָן שײַן.
איך בעט דיך, ייִד הקדוש: גיי אין דײַן רו אַרײַן.
איך בין אַ לעבעדיקע בריאה
און ס'איז ניטאָ קיין מניעה
איך זאָל לערנען תּורה פֿון אַ לעבעדיקן פֿויער, פֿון אַ לעבעדיקן שוסטער.
לא המתים יהללו יה. טויטע רביים האָבן ניט קיין שיטה
קיין מוסטער.
לאָז מיך אַליין. מײַן לעבן איז אַ יקר המציאות.
פֿול מיט תּפֿילה. מיט קלאַנג. מיט חיות.
ייִד הקדוש — גיי צוריק צום כּסא הכּבוד און דערצייל:
מענדל זאָגט, אַז אַ טויטער רבי קאָן שוין גאָרניט געבן.
מענדל מיט זײַן רוגזה האָט ליב דאָס לעבן.
מענדל דאַרף אַ לעבעדיקן רבין.

לד

נעם דעם טלית און בעט.
ביסט ניט קראַנק אַליין צו בעטן.
איך בין מידת הדין.
איך בין ניט געקומען אויף דער וועלט גלעטן.
שאַנעווען.
נעם דעם טלית, נעם די תּפילין,
שטעל זיך דאַווענען
און דאַוון אַזוי,
אַז דײַן גאַנצער וויי
זאָל דערגיין העכער איבער הימלען.

די הימלען זענען נידעריק.
חסיד מײַנער, ביסט געבוירן העכער מאַכן
אַלע הימלען.
אין קאָצק ווייסט מען ניט פון לאַכן.
אין קאָצק ווייסט מען ניט פון לצים.
אין קאָצק — רײַס, פליק, שרײַ, מאָן, —
ד ו אַליין
דער פּאָטשטעליאָן
צו גאָט.
גיב איבער דײַנע בריוו אַליין,
איך בין ניט דײַן פאַרמיטלער
פון דײַן געוויין.

הייב זיך אַליין אויף. אויב גאָט אַליין דריקט,
שטעל זיך אויף אַנטקעגן אים און שרײַ.
אויב גאָט אַליין צעפליקט
האָט דײַנע טעג,
טו אָן אַ מלבוש — יִראה
און רוף אים צו אַ דין־תּורה. ער וועט קומען.

ווי אַ חיה אין דער נאָרע
רײַס אַרויס דײַן ברומען.

בנאמנות,
דו ביסט נענטער ווי איך צו גאָט.
איך האָב ניט קיין רחמנות.
אין דײַנע יסורים, דײַן פּיצל עולם הבא פאַרדין,
ניט מיט חסד, ניט מיט רחמים,
נאָר מיט מידת הדין.
קאָצק פאַרמאָגט אַ קול. קאָצק פאַרמאָגט אַ שטים.
קאָצק דאָרשט נאָך דעם שם המפורש, נאָך אלוקים
מיט אכזריותדיקן אמת. מיט פאַרבלוטיקטע הערצער.

לה

מנוחת הנפש?
ווער ווייסט פון דעם?
ניט דער דיכטער. ניט דער רבי.
דײַן טאָג — אין פּענט. אין קלעם.
אויף דײַן שער־בלאַט אומרו איז פאַרשריבן.
אומרו — ווי אַ דערנער־קראַנץ אַרום דײַן קאָפּ.
אַ טרוים
וואָס לויפט אַרויף, אַראָפּ
און נעמט אַרום דעם גאַנצן חלל, רוים
מיט שטעכעדיקע דערנער.

מנוחת הנפש?
אַז דײַן נאַכט, איז ווי אַ הירש וואָס לויפט
פון ברעג צו ברעג
און קויפט
אויף אַלע ימען כוואַליעס;

אַז באָרוועס גייען דײַנע אָוונטן איבער שקיעות
און זוכן זריחות
און געפינען אויף סופיטן פּעטליעס, תּליות.
אַז איבער אַלע רגעס, שעהען
פליִען טשאַטעס קראָען;
נו, גיי רעד פון מנוחת הנפש,
אַז אַלע דײַנע אָדערן אויפגעשניטן
און בלוט גיסט זיך פון יעדן גליד,
ווי עס גיסט זיך בלוט
פון אַ ליד
וואָס רעדט פון טויט און יאָמער.

מנוחת הנפש?
אַרום דײַן טראָט — שלאַנגען.
פון אַלע זײַטן
און פון אַלע ווײַטן
ברענען, ווי אַ סנה
חלומות און פאַרלאַנגען.
און זאַלץ אויף וווּנדן, און שטעכעדיקע דראָטן.
אַ לעבן אין אַזוי פיל פלאָנטערס ליגט פּאַראַיִיזט,
פאַרקנאָטן.
אין שוואַרצן פלאַם ברענט אויס דער ריז
און ווערט אַ קאַרליקל,
קליין, מיאוס —
נו, גיי רעד פון מנוחת הנפש?

אונטער מײַן לעבן לויערט שטענדיק דער גוסס.
גיי לעב, אָן אַ נס, אַ מופת.

איז לאָמיר בויען אַ ליד פאַרקריצט אויף לוחות
מיט יידישע אותיות.

לו

פאַרמעסט זיך און זײַ גובר דײַן יצר הרע.
פאַרמעסט זיך מיט נעגל, מיט זעג, מיט האַק,
ווײַל רק
ער, דער יצר הרע, ווי ווילדע רוחות,
וויל צעברעכן די צען געבאָטן
פון די לוחות.

פאַרמעסט זיך מיט אַלע רוחניותדיקע און פיזישע געצײַגן.
ער וויל צעברעכן אַלע צווײַגן
פון דײַן בוים.
ער וויל אַרויסרײַסן דײַן וואָרצל פון די טיפן.
זײַ דער קאַפּיטאַן פון דײַן ווילדן יצר הרע,
און היט אים אויס אויף אַלע שיפן
פון דײַנע שטורעמדיקע ימען.

אין דײַנע טעג און נעכט לעב
אַזוי,
אַז אין דײַן געוועב
זאָל זײַן דער פאָדעם: ווײ.
ניט שלווה. ניט שימחה. נאָר ווײ.
זײַ ניט קיין נעמער. זײַ אַ געבער
און גיב דײַן טרער
(און אויב דו קאָנסט — גיב מער).
ווײַל בײַם שפּינראָד ביסט אַ וועבער
און אויף דײַן דאַך קוקן אַלע שטערן ווי דו וועבסט
דײַן פאָדעם. איז טראָג
אַנטקעגן דער השגחה
דײַן אויסגעוועבטן טאָג.

גרייס זיך ניט. אויף דעם בוים
זעט מען זײַן פאַרסמאַליעטע קאָרע.

דער וואָרצל לאַכט פֿון דיר.
אַזוי לאַכט דער יצר הרע
אַרויס פֿון דײַנע קאָרטן.
ער לאַכט און לאַכט און לאַכט —
ביז דו דערזעעסט זיך פּלוצלינג פֿאַרפּלאָכטן
אויף דער גאַס
פֿון שׂינאה, האַס
און משוגעת.

געוואַלד. אַלע שטורעמס, ווינטן
ברענגט דער יצר הרע,
כּדי דײַן לײַב צעשינדן,
צעפּאַסעווען. צעקאַטעווען.

איך קום דיך וואָרענען: דאַרפסט דײַן לעבן ראַטעווען.

לז

דער איש האמת קאָן ניט לעבן אין דער וועלט
ווי אַ קאַלטע לונג־און־לעבער.
דערפֿאַר בייזער איך זיך אַזוי.
דערפֿאַר זע איך ווי אין יעדן שפּאַלט
פֿאַלט
אַ שטיק פֿון מײַן לײַב און לעבן;
ווי בײַם ברעג פֿון ים
שלעפּן כוואַליעס מײַן אומרו און מײַן צאָרן,
און אַזוי — כ׳וויל פֿון אײַך מײַן בייז ניט הײַנט פֿאַרהוילן,
אין חשכות פֿון די היילן.

שמידן דאַרף מען ווען ס׳איז הייס.
און הייס איז מײַן וואָרט ווי גליִענדיק אײַזן
און בייז

מײַן וואָרט, ווי נאָר מענדעלע קאָן עס אײַך באַווײַזן.
מײַן וואָרט איז ניט אַ זינגען פֿון אַ נאַכטיגאַל,
נאָר געשריי און ברום.
פֿאַרנעם ווי פֿון אַ באַרגיקן קוואַל
אַ געשריי: קום,
קום און וואַקס אַרײַן אין מײַן בייזקייט,
דו לומפּ. דו שלעפּער.
דער איש־אמת קאָן ניט לעבן אין דער וועלט
ווי אַ קאַלטע לונג־און־לעבער.

בײַ מײַן שטענדער שמעלצט זיך דאָס אײַזן.
איך בין אַ קאָוואַל, און אויף מײַן קאָוואַדלע שרײַט דער שטאָל,
ווי עס שרײַט מײַן קול,
ווי עס שרײַט מײַן גוף, מײַן שאָטן,
אויף די ווענט פֿון קליינעם בית המדרש
ליגט מײַן בייזע שטים צעשאָטן.
ווי דער נאַסער שווייס
פֿון פּשוטן טרעגער,
רינט אַראָפּ מײַן בייז
פֿון אָרעמען געלעגער.

איך קאָן דיך ניט באַגלייטן מיט אַ שמייכל
ווען דו גייסט אַרויס בײַ טאָג פֿאַרדינען ברויט.
אַ געלעכטער וואַקסט ניט אין מײַן היכל.
איך פֿאַרמאָג בייזקייט פֿון אַלערליי סאָרטן.
מײַנע דאַרע הענט
האָבן פֿאַרזייט זיי אין מײַן גאָרטן
ווען די הימלען זענען אָנגעטרונקען מיט שרעק.
ווייסטו שוין וואָס איך בין אויסן:
ווען דו גייסט אַרויס אין דרויסן,
אין טעג פֿון שטאַרקע פֿרעסט,
נעם מיט מײַן בייזקייט און זינג: מה טובו,
ווי גוט צו שטיין אַנטקעגן גאָט אַ באָרוועסער אין קאַלטע נעכט

און ניט זיך וואַרעמען בײַם אויוון
ווי אַ מפונק, אַ בן יחיד.

לח

דער קאָצקער האָט באַהאַלטן זײַנע טענות צום רבונו של עולם
אין אַ מאַנטל פון שווײַגן.
און זײַן שטומעניש, —
ווי אָפּגעבראָכענע צווײַגן
פון אַ בוים;
ווי אַן אויסגעריסענער וואָרצל, וואָס נאָר ער אַליין
פאַרנעמט זײַן אומגליק,
זײַן געוויין.
ווי אַ נאָר,
וואָס שטייט בײַ ברעגן פון תּהום,
און פאַרנעמט ניט דאָס געפאַר.
דער קאָצקער האָט זײַנע טענות קעגן בורא עולם
געטראָגן ווי אַ לאַסט,
נאָר אין די טיפסטע טיפן
האָט דער ים געשטורעמט מאַסט נאָך מאַסט
פון זײַנע שיפן.

נאָר ווי לאַנג קאָן מען שווײַגן? שווײַגעניש באַדײַט: יסורים.
מ׳דאַרף אַרויסשרײַען די תּרעומות
מיט וואָרט, מיט דיבורים.
אויך קינדער אין די וויגן וויינען. שרײַען.
ס׳איז דאָ אין דעם אַ רעיון.
אין שטומעניש ווערט מען מיד,
נאָר ווען עס שרײַט אַרויס פון דײַן געמיט
דאָס וואָרט וואָס עקבערט תּהומות, —
ווערסטו פרײַער. גלייביקער, פון געשריי וואַקסט אַרויס דער כּוח
דורכגיין אַלע אימהס,

און אויסקושן די הייליקע אותיות,
און פון דאָס נײַ: בראשית.
בראשית ברא אלוהים.
ער. ער.
צו אים געהערט מײַן שטים.
נאָר אים געהערט מײַן טרער.

אַ כופר
בעיקר.
אויב אַפילו אין שטומעניש, נאָר אָפּט אַ כופר.
אַ צעהאַקטער אויף שטיקער.
אַן אײַנגעפּרעסטער אין קלעם.
קום און נעם
פולע הויפנס מיט שאלות אַן תשובות.
זעען אויס די דלד אמות זײַנע, ווי אַ ווינט אין חורבות.

זײַנע שטומע דיבורים געהערן
צו אַלע זײַנע חסידים.
ווי צו די הימלען געהערן
אַלע בלישטשענדיקע שטערן.

לט

אַ מענטש דאַרף זײַן ביידע אין איינעם:
זײַן אויסגעמישט מיט דער וועלט
און זײַן אָפּגעוואַשן פון דער וועלט.
אָנצינדן אַלע מאורות און מנורות,
אָפּרײַסן פון בוים אַלע פּירות,
דורכרײַסן זיך מיט דער זײַדענער קאַפּאָטע
צום קוואַל פון מים חיים,
און דורכגיין דורך חשוונדיקער בלאָטע
מיט „עירובין" און „נטילת ידים".

דו שטייסט אַנטקעגן דעם פרימאָרגן,
דאָס האַרץ פאַרקלעמט,
דאַכטן דאַכסטו, אַז ניט דער הײַנט, ניט דער מאָרגן,
וועט ברענגען דיר אַ שטיקל נחת פון דײַן פרומען יאָך;
שטייסט פאַרשעמט
פאַרן שם
פון בורא עולם מיט דײַן פאַרלאַטעט העמד;
שטייסט אַנטקעגן טאָג:
אַ רעגן פליוכעט. גיסט
און דו — ווי אַן אורח אין דער פרעמד,
ווי בײַ דער טיר אַ בערגל מיסט
און פלוצלינג: טויזנט זריחות אויף דײַן קישן,
הלכה אין אגדה טוט זיך מישן,
און אַלץ לויפט אַזוי געשווינד
ווי אַן אינד,
ווי אַ שמייכל פון אַ קינד,
און עס קומט אַנטקעגן דיר אַ זריחה, אַ מראה,
ווערט אָפּגעמעקט אויף הימלען
די שוואַרצע כמאַרע,
און הערן הערסטו אַ געפּליסטער:
העי, דו רואה ואינו נראה, העי, דו ניסתּר —
די וועלט איז פול מיט שׂימחה און תּענוגים,
מיט שׂימחות פריידיקע, פאַרהילטע,
מיט חסדים, בשׂמים,
אין בלויע סודות טיף פאַרהילטע,
טרינק און זינג לחיים, העכער, העכער,
טרינק פון פולן בעכער.

זומער. ווינטער. אין פרעסט. אין זון. אין קעלט,
אַ מענטש דאַרף זײַן ביידע אין איינעם:
זײַן אויסגעמישט מיט דער וועלט
און זײַן אָפּגעוואַשן פון דער וועלט.

אַמר. האָט מענדעלע געזאָגט. און געבליבן שטיין
אַ מידער. פֿאַרמאַטערט
און אַנטקעגן: „עירובין" און „נטילת ידים"
ווי אַ שווינדלדיקער בליץ האָט דורך זײַן ליכט געטאָן אַ פֿלאַטער.

מ

ניטאָ קיין גרינגע וועגן. ניטאָ קיין לײַכטע עצות.
אַ מענטש אַ טרעגער,
ער טראָגט אויף זײַנע פּלייצעס
עול. דער הימל נידעריק. מיט דורכזיכטיקע וואָלקנס.
דער חלל אין ציטער.
און דו, אָרעמער בעטלער,
אין אייביקן געוויטער.
ער, דער שם יתברך אַ מאָנער. שטענדיק מאָנט ער
און דו אין געווירבל,
אין פּלאָנטער,
אין סודותדיקע נעכט,
אין געפּעכט
מיט גאָט און שׂטן,
ניט שטענדיק ביסטו זיגער,
ניט שטענדיק די מערכה איז געראָטן.
ניט שטענדיק ביסטו קליגער.

אָבער: כּה אָמר מענדעלע: ניטאָ קיין גרינגע וועגן.
ניטאָ קיין לײַכטע עצות.
דו ביסט נאָר אין פּרוזדור. אין האָל.
און האַלטן האַלטן דיך די לייצעס
אין עול.
אין געפּעכט.
צווישן שטומע ווענט.

וכל מאמינים. אויך דו צווישן די מאמינים,
צווישן האַמער און קאָוואַדלע,
צווישן ליכטיקע אגדות און חומרהדיקע דינים,
די וועלט — אַ פאַדלע,
נאָר מיט דײַן אײַנגעשפּאַנטקייט אין די האָלאָבליעס פון דײַן יאָך
וועסטו זײַן דער גרויסער מנצח
פון דײַן פּאַריתומטקייט און בראָך.

ניטאָ קיין גרינגע וועגן. פּאַק אײַן אין דײַן קויש
פון טעג
דײַן ברויט. דײַן תהילימל. דײַן זעג.
דעם רויש
פון אַלע דײַנע מחשבות,
ווי אַ ייִד פון דײַן דור,
אין פּרוזדור,
אין קאָרידאָר
זײַ מוכן ומזומן...

און אַז דו וועסט זיך שטעלן פאַר דעם בורא עולם וועסטו זאָגן:
איך בין געקומען,
געקומען — ניט דורך גרינגע וועגן. ניט דורך לײַכטע עצות.
שווער און ביטער איז געווען מײַן ברכה פון „המוציא".

מא

אַן ערלעכער קרעכץ, אַ ביסל פּנימיות, אַ האָר מסירת נפש —
העכער פון אַ בלאַט גמרא.
אַן ערלעכער קרעכץ — אַ שורש.
אַ בלאַט גמרא — די קאָרע
פון בוים.
אַוודאי — וויכטיק איז די קאָרע,
נאָר אַ ביסל פּנימיות — אַ דאַך איבער אַלע דעכער,

דאָס שטייט העכער.
ווען לערנען ווערט אַ צוועק פאַר זיך, קאָן עס אויך
ווערן אַ שטיק עבודה זרה.
די נשמה האָט אַ ברונעם.
גיי אַראָפּ אין ברונעם און שעפּ.
פון שחר ביז שקיעה ביסטו נאָר אַ שטעפּער.
דו שטעפּסט שטעפּ נאָך שטעפּ,
בינדסט אַ פאָדעם צו אַ פאָדעם,
אַזוי ווי עס באַדאַרף צו זײַן.
און דו, בן אָדם,
קוק דורך אַלע פעדעם, פעדעמער פאַרמאָגן קולות.
ניט נאָר קאָלירן.
זוך דעם תּכלית,
אָבער זאָל דער תּכלית דיך ניט פאַרפירן.
דער תּכלית־פאָדעם ברענגט צו גאווה.
צו תּאווה.
פאַרקניפּ, פאַרבינד אַלע פעדעמער צוזאַמען
און האָב זיי אַלע ליב,
ווי עס האָט אַ מאַמע
ליב אַלע אירע קינדער.

אמר רבא. אמר אביי. תּנו רבנן.
אין לומדות שטעקט אַ סכּנה.

אַז די נשמה איז אַן אביון, ווערט דער למדן אַ בעל גאווה.
ער שפּאַנט זיך אײַן אין אַ גילדענעם רײַטוואָגן,
און ער לויפט,
ער מיינט: קיינער וועט אים ניט דעריאָגן.
מאַכט אַ וואַרע.
עס גייט אַ תּלמיד חכם.
בלאָזט פון זיך מיט פאַרע.
אין מוח מישן זיך די בלעטער פון גמרא, די הלכה מאַכט אים שיכּור,
און ווייסן ווייסט ער ניט, דער גאוודיקער חכם,

אַז דער עיקר:
אַן ערלעכער קרעכץ, אַ ביסל פּנימיות, אַ האָר מסירת נפש.
די פאַרב און דער ריח פון אַלע פּעדעמער.
דער בת־קול פון אַלע טאָלן.
דער עול פון אַלע עולן —
דער „יהי אור"
אין גרויסן טומלדיקן אָרקעסטער,
נאָך אַ מאָל: אַן ערלעכער קרעכץ, אַ ביסל פּנימיות,
אַ האָר מסירת נפש.

מב

שלא על מנת לקבל פּרס.
אַלץ וואָס דו טוסט, אַלע דײַנע מעשׂים, געדענק:
עס קומט דיר ניט קיין שׂכר.
און אַז דו וועסט צען מאָל מסיים זײַן דעם ש"ס,
ביסטו אַלץ נאָך ניט קיין חכם,
בלײַבט אין דיר דער נאַר,
וואַרט ניט אויף דײַן חלק פון גן עדן,
וואַרט ניט אויפן יין המשומר:
עס קומט דיר ניט קיין טראָפּן מער,
ווי עס קומט דײַן זיידן,
און דײַן זיידע האָט ווינטער און אויך זומער,
געהאָרעוועט, געשלעפּט קלעצער, געווען אַ ייִד אַ מאמין,
אַן עם הארץ, און זײַן האַרץ אין ווינטערדיקער קעלט, אין שניי,
אין זומערדיקע היצן אַרויסגעברומקעט זײַן געשריי
קוים קוים מיט אַ קאַפּיטל תּהילים.
באַרים זיך ניט מיט דײַן לומדות,
מיט דײַן ייִחוס, מיט דײַן וויגל —
קוק אַרײַן אין שפּיגל און זע:
קנייטשן אין דײַן זעל.
ביסט אַן אביון אויף דײַן שוועל.

שלא על מנת לקבל פרס.
אַזוי זאָלסטו בויען דיַין געשטאַלט.
דיַין דמות.
און ווּ דיַין פוס
וועט טרעטן, זיַי וויסן אַז עס פאַלט
אַ בלאַט אַראָפּ פון בוים, וויינען אירע ווּנדן,
ווי דיַינע ווּנדן, —
ביסט ניט קיין בן יחיד ביַי דעם בורא.
די וועלט איז פול מיט צער און אויך דו געבונדן
ווי דער באַראַן אויף עקדה.
דו. דיַין קינד. דיַין טאַטע און דיַין זיידע.
אַלע ווילן חסד. אַלע ווילן גנאָד,
אַלע זוכן דעם גרויסן סוד
פון מענטש. פון גאָט.
און דער סוד: שטילער זיַי פון טוי.
שטילער מיט דיַין וואָרט.
וויַיל געניי
אויף יעדן אָרט
פאַרנעמט דער בורא, דאָס וויינען פון אַ בלאַט,
און דאָס געוויין
פון מענטש ביַי גסיסה און פאַרגיין.
און וואַרט ניט אויף דיַין חלק, זוך ניט די סימנים
פון דיַינע מיצוות,
שלא על מנת לקבל פרס,
אַזוי זאָל זיַין דיַין פנים...
אין וואַנדער. אין וואָגל
שפּאָר אָפּ דיַין אייגן לאָגל
שלא על מנת לקבל פרס.

ר׳ מענדל האָט געזען דעם טײַך פון טרערן פון אחינו בני ישראל.

דערציילן די חסידים אַזוי:
איז געקומען אַ מאָל צו אים ר׳ יצחקל וואָרקערס זון,
ר׳ יעקב דוד פון אַמשינאָוו מיט זײַן צער און וויי,
און זיך געקלאָגט:
שוין אַ יאָר נאָך דער פטירה,
אַ יאָר נאָכן טרויער, —
און פאַרמאַכט, פאַרשלאָסן דער טויער
פון חלום.
קיין מאָל זיך ניט געוויזן.
ניט אין די זומערדיקע טעג, ניט אין חשוונדיקן רעגן,
קיין מאָל ניט געזען דאָס פנים פון דעם טאַטן
אויף די ליכטיקע וועגן
פון היים.
איך שטיי אויף מיטן פרימאָרגן
און עס בענקט זיך מיר זען דעם טאַטנס פנים.
נאָר פאַרבאָרגן
זענען די סודות פון חלום.
פילן זיך אָן מיט טרערן מײַנע שוואַרצאַפּלען,
און מײַן אָרעמע נשמה
מיט ווייענישן און צאַפּלען.

איז אַ מאָל ר׳ יצחקל וואָרקערס זון, ר׳ יעקב דוד פון אַמשינאָוו,
געקומען צו ר׳ מענדלען און דערציילט:
ער האָט געזען דעם טאַטן אין חלום לעם אַ ברעג טײַך,
פון עולם הזה אויסגעשיילט,
פאַרקוקט אים אין די אויגן גלײַך,
אָנגעשפּאַרט אויף אַ סוקעוואַטן שטעקן,
און זײַנע טיפע בליקן
אין די וואַסערן פון טײַך.

ווי ער זאָל אַנטקעגן משיח צדקנו גיין. איבער בריקן.
טוט אין מיר מײַן בלוט זידן:
מײַן טאַטע, אַ ייִד אין גרויסן דעמבענעם וואַלד פון ייִדן,
קוקט אַרײַן אין טיפקייטן פון טײַך, און מײַן האַרץ טוט מיר קלעמען:
אַלע כוואַליעלעך דערקענט ער,
ער רופט זיי אָן מיט נעמען,
מיט נעמען פון שטעט און דערפער, פון רוסלאַנד און פוילן
וואָס זאָל עס באַדײַטן?
האָט ר׳ מענדל גלײַך געענטפערט: וואָס זאָל עס באַדײַטן?
דער טאַטע דײַנער האָט אָנגעהויבן ציילן
אַלע צרות, פאַרשריבענע אויף די געלע בלעטער פון ייִדישן גאַנג,
דער טאַטע דײַנער האָט געציילט און געציילט אָן אַ טעות:
ער האָט געזען דעם נהר הדמעות
פון אַלע ייִדן.
דער טאַטע דײַנער האָט זיך ניט געביטן. ער איז געבליבן דער זעלבער
און געזען האָט ער אין טײַך אַלע פּאָגראָמירטע בתי כּנסת
און ייִדישע געוועלבער.
דער חלום האָט אַ מיין:
דער טאַטע דײַנער האָט געזען אַ ים פון וויי און געוויין.

ר׳ מענדל איז פאַרזונקען אין צער.

מד

קיין שדים זענען ניט בנמצא.
אין דער וועלט זאָלסטו זוכן נאָר די סליאַדן
פון אַ מענטש.
ער איז דער איינציקער ידען.
קען די גמרא אַ טויזנט מאָל טענהן, אַז
אויף דער וועלט זענען דאָ שדים,
איז גערעכט דער רמב״ם. ס׳איז אַ ליגן.
שדים האָבן ניט קיין ניגון,

און ווער עס האָט קיין ניגון ניט,
ווער עס זינגט ניט אַרויס מיט אַלע זײַנע חושים,
זענען איבעריק אַלע פּירושים —
ער עקסיסטירט ניט. ער איז ניטאָ.
ער האָט קיין לעבן ניט.
קיין רגע.
קיין שעה.
ער האָט ניט קיין ברונעם, במילא — קיין דנאָ.
רײַך צי אָרעם, אין זײַדענע קליידער, צי קרוע־בלוע,
פֿאַרשרײַב, תּלמיד מײַנער, אויף דײַנע בלעטער:
כּבוד פֿאַר דעם מענטש וואָס האָט אַ ניגון,
און אין זײַן קלעטער
בײַטן זיך די טענער,
ווי עס בײַטן זיך קאָלירן בײַ דער זון־שקיעה,
ווי עס בײַטן זיך די שפּענער,
ווען אַ האַק צעהאַקט אַ שורש, אַ וואָרצל פֿון אַ בוים.
פֿאַרשרײַב: אַלע חנען
אין דעם ניגון,
אַלע קרוינען
אויף זײַן קאָפּ,
אַלע תּפֿילות אויף די ליפּן.
פֿאַרשרײַב: נאָר דער ניגון
קאָן פֿאַרקניפּן
מענטש מיט הימל, און אויסזינגען קלאָר און דײַטלעך
דעם ויהי ערב ויהי בוקר,
ווי עס שטייט אין מקור.
פֿאַרשרײַב: האָט אַ מענטש אַ ניגון, איז אַ סימן
אַז ער לעבט מיט וואָג און מאָס.
ווײַל אַ ניגון איז אַ הימען
פֿון פֿרייד און צער, פֿון שׂימחה און פֿאַרדראָס,
פֿון קאַרליקלעך מאַכט ער ריזן.
גלייב מיר, איך קען אַ ניגון
וואָס האָט אַזאַ נס באַוויזן.

אַזוי האָט ר׳ מענדל גערעדט
צו זײַן תּלמיד, צו אַ פּשוטן ייִד
פון דער פרי ביז שפּעט,
ביז ער איז אין ניגון פאַרזונקען
און דערזען האָט ער אַ סנה,
און פון סנה האָבן אַרויסגעשפּריצט פונקען.

דער תּלמיד, דער פּשוטער ייִד, האָט מיט אַ מאָל
פאַרשטאַנען ר׳ מענדלס קול.

מה

אַלע נשמות וואָס זוכן אַ תּיקון קומען צו זײַן טיש.
יעדער איינער מיט זײַן דאָליע.
אַזוי ווי אַ לעבעדיקער זיצט דער מת און טרינקט פון קוואַל מים חיים.
פּאַוואָליע
קריכט ער צו נענטער, נענטער און וויל כאַטש אויסלעקן די שירײם
פון זײַן ליכטיקן טעלער.
דער מת קומט פון ווײַטן, פון הימלען, אין אַ שטאָט
ווו אַלע ווייסן,
אַז דאָ לאָזט מען דעם טײַוול ניט אַרײַן,
דאָ הערשט גאָט,
ביד רמה, מיט אַ שטאַרקער האַנט
און מיט פאַרשטאַנד.

אין קאָצק זוכן אַלע מתים אַ תּיקון.
דאָ לעבט דער מת פון דאָס נײַ.
אַהער קומט ער זײַן נשמה צעפּליקן
פון זײַן מתים־רו.
דאָ הערט ער אַ קול: שרײַ,
וואָיע, צערײַס פון דאָס נײַ דײַן האַרץ אויף שטיקער.
דער עיקר

קומען זאָלסטו צוריק צום כסא הכּבוד און דערציילן
אַז מענדעלע האָט דיך ניט געגלעט,
ער האָט דיר נאָר פאַרטרויט אַ סוד:
אין קאָצק איז ניטאָ קיין זייגער, אין קאָצק איז דאָ אַ האַרץ
און ס'וועדט שפּעט,
גיי צוריק אין מתים־ראָד,
אָן געלעכטער, אָן שמייכל, נאָר אָפן,
ניט פאַרשטעלט,
ווי אַלע מײַנע לעבעדיקע חסידים אויף דער וועלט.

אויבן, דאָרט אין די הויכע הימלען איז דאָ אַ גאָט,
עפּנט ער באַגינען
זײַנע אויגן און ער דערשפּירט: בײַם קאָצקער טיש
קאָן דער אייבערשטער אַ מענטש געפינען,
אַ מענטש בײַ אַ צאַנקענדיקן לאָמפּ, בײַ אַ ריינעם טיש,
בײַ אַ מעסטל זאַלץ,
וואָס פאַרמאָגט ש״י עולמות. אַלץ.

אַלע נשמות וואָס זוכן אַ תּיקון קומען צו זײַן טיש.
צו זײַנע פאַרדבקותטע געזאַנגען.
צו זײַן ניגון.
צו זײַן געראַנגל מיטן ליגן.
יעדער איינער קאָן אַריבערגיין דעם גדר און צו די פּירות
פון זײַן בוים דערלאַנגען.

פון אַ פאָדלער וועלט
פון דאַנען
ברענגט דער מת צוריק אויף יענער וועלט
פולע קאַנען
מיט תּוכחה און צער.

„איך וואָלט לעולם געקאָנט מחיה מתים זײַן,
אָבער איך וועל בעסער מחיה זײַן לעבעדיקע", —
אַזוי האָט אַ מאָל ר' מענדל אַרויסגעבראָמקעט
און געוווּסט האָט ער אַז ער טוט זיך באַרימען.
אַ סימן —
ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, זיך פֿאַרטראַכט וועגן זײַן ליבן נאָמען,
די הענט געוואַשן,
געהערט ווי אַ תּלמיד זײַנער ענטפֿערט אָמן,
און האָט זיך אַליין געפֿרעגט: ווי אַזוי קאָן מען לעבעדיקע מחיה זײַן?
די זון איז פֿאַרגאַנגען.
שקיעה האָט אָנגעקלאַפּט אין פֿענצטער,
שקיעה ווי אַ פֿידל פֿאַרשטאָכן מיט קלאַנגען,
אַ פֿידל אין בוראס הענט און ער פּרוּווט די סטרונעס סטראָיען, —
פֿרעגט: ווי אַזוי מחיה זײַן לעבעדיקע?
ווי אַזוי אויסשעפּן דעם מענטשנס דנאָען,
און נאָכגיין אַלע רגעס,
אַלע שעהען,
אַלע שליאַכן, אַלע ברעגעס,
און פֿאַרזייען בענקענישן נאָך פֿרייד, נאָך טרויער.

ר' מענדל האָט אַרויסגעקוקט דורכן פֿענצטער. אָט באַווײַזט זיך אַ שטערן
אויף הימלישע ברעגן.
אָט אַ געסל אין קאָצק.
אָט שטעגן און וועגן.
און ער נע־ונד אין תּהום פֿון מחשבות.
עס גריזשעט אַ מײַזל. לאָז עס.
אַזוי גריזשעט דער טאָג זײַן מרה שחורה.
ער וויל זאָגן אַ תּפֿילה מיט חסד. מיט עזות.
פֿאַרמאַכט איז דער תּהילים, זײַן ניגון אין ווײַטן פֿאַרוואָגלט.
אַ טרער ליגט אין האַרצן און קאָן ניט אָפּרינען.
קליין איז דער לאָגל

און די טרער קאָן איר וועג ניט געפינען,
און ער, ר׳ מענדל, שוין אַ גאַנצן מעת לעת
זיצט און טראַכט, ווי אַזוי אַ לעבעדיקן מחיה זײַן
און ניט קיין מת, —
ווי אַזוי?

די שקיעה זײַן מאַרך האָט געזויגן.
די גרויקייט פון צימער — פאַרמאַכט זײַנע אויגן.
דער שאַרף פון מחשבה, ווי אַ שאַרף פון כלי זין,
פײַניקט און פײַניקט, ער ברומט ווי אַ חיה.
ווי אַ הירשל אויף בערג לויפט אַ רעיון נאָך אַ רעיון.
דער תּלמוד ליגט אָפן: אָמר רבא. אָמר אביי.
עס העלפט ניט דאָס לערנען. ד ו, אָ, ד ו.
זאָגט ער אַזוי: אַפילו עס געפינט זיך אַ נשמה אין די הרי חושך,
מוז זי קומען צו מיר
קיין קאָצק צו האָבן אַ תּיקון.
ווייסט ניט ר׳ מענדל פון שלווה. פון רו.
מען דאַרף בויען נײַע בריקן
און מחיה זײַן די לעבעדיקע.
אַ הימל מיט כמאַרעס האָט אַרײַנגעקוקט אין ר׳ מענדלס אַלקער און געשוויגן.

מז

ר׳ מענדל — אַ ייִד אײַנגעבונדן אין תּהילים.
אַ קאַפּיטל צו אַ קאַפּיטל, ווי אַ בויער — אַ ציגל צו אַ ציגל.
אַ ייִד מיט שרשים. אַ ייִד מיט פליגל.
אַ ייִד אויף יעקבס לייטער און בײַ קיינעם ניט געבעטן קיין רשות
ווי אַזוי צו קלעטערן.
מ׳מוז.
אַראָפּ. אַרונטער.
די וועלט — אַ לייטער, און מ׳מוז זוכן אין די הימלען אַלע וווּנדער.
זײַן וואָרט געטובלט אין ווייען.

געשניטן. געבראָקט. געשטאָכן.
זײַן וואָרט האָט אַ נעסט געבויט צווישן געשרייען.
צווישן יאָכן.
ר׳ מענדל איז געווען אַן ארויסגעריסענע שיימע
פון אַ סידור.
אַן אימה
פון געוויטער.
זײַן היכל איז געווען אויסגעבעט מיט קנייטשן,
און זײַנע אויגן, ווי אָנגעשאַרפטע זעגן
וועלכע שנײַדן טיף אין ביימער
אויף פאַרשנייטע וועגן.

אַמאָל געמיינט האָט ער, ער איז גרעסער פון דעם בעש״ט.
לכל הפחות ניט ווינציקער.
אַ האַר פון דער וועלט. אַ געוועלטיקער. עס קומט אים נאָך אַ רעשט.
נאָר ער מיט חלום פאַרזייט פוסטע וועלטן.
אַלע דאַרפן נאָכגיין זײַן רמז. זײַן ווונק.
ווײַל דער מענטש: הבל הבלים. אַ שטונק.
און ער אַקערט און ער זייט, און אין דער לופט אַ ריח פון פאַרזיי,
פון זײַן מי.
און פלוצלינג — פייכט זײַן אויג. אין ווירבלדיקן געדריי
איז נאַכט.
ניטאָ קיין שחר. ניטאָ קיין מאָרגנפרי.
דער טויער פון רחמים — פאַרקלעפּט.
די מחשבה —
מיט שפּינוועבס פאַרוועבט.
דער תּהום צעעפנט. פול מיט סכּנות.
עפנט ער אַ בלאַט אין דער גמרא.
עס גייט ניט.
פאַררוקט ער זײַן קאָפּ אין אַ קאַפּיטל תּהילים, ווי אַ חיה אין איר נאָרע
און עס זינגט זײַן געוויין.
און עס רעדט אַ שטיין
און ר׳ מענדל פילט:

די וועלט אין איר יאָמער — צעשפּילט.
מורמלט ער צו זיך אַליין: ס׳דערנענטערט זיך די שעה פון נעילה.
איך בין אַ ייִד איינגעבונדן אין תּהילים.

מח

צעקריגט מיטן מענטש. צעקריגט מיטן הימל
אין ווירבלווינט. אין עיגול.
שאלה נאָך שאלה. פּראָטעסט נאָך פּראָטעסט
די נשמה צעפליגלט.
געגלייבט. געכּופרט. גאָט וועט אים אויסהיטן. באַשיצן.
נישקשה.
קיין מאָל ניט דערגאַנגען צו: כּלו כּל הקיצין.
געוואַקלט זיך אַהער. געוואַקלט זיך אַהין.
ר׳ מענדל זוכט אַ זין.
אַ זין פאַרן מענטש. פאַרן הימל.
געוואַלד.
אַ ביסל ווינציקער געוויין
אויף דיין וועלט, גאָט.
דיין זכות זאָל מיר בייִשטיין.
צוגעשמידט צו די עשׂרת הדברות. צו אַלע געבאָטן.
נאָר עפּעס אויף דיין וועלט, רבונו של עולם,
עפּעס ניט געראָטן.
צו פיל מאַמעס וויינען.
נו, ווי קאָן איך דיר אַ כּתר געבן? ווי קאָן איך דיך באַקריינען?
צו פיל הונגעריקע קינדער וויינען אין די נעכט.
נו, ווי קאָן איך דיר, טאַטע מיינער געבן הייִנט גערעכט?
צו פיל וואַגאַבונדן זוכן זייער היים, אַ לאַטע אויף אַ לאַטע,
האָבן ניט קיין קישן. קיין צודעק. ד׳ אמות פון אַ כאַטע.
און איך אַליין אַ שערבל. אַ שאָטן.
נו, זאָג אַליין, אל אלוהי אברהם, ווי קאָן איך דיר און דיינע מלאכים
אויסטיילן אַ בינטל שבחים,

אַז דײַן יצירה איז ניט אַזוי געראָטן.
גלייב מיר, איך זוך אַ תּיקון.
אַ תּיקון פֿאַר מיר. פֿאַר דיר.
אויב דו ווילסט — קאָנסטו מײַן גוף אויף שטיקער צעהאַקן און צעפּליקן,
איך וועל ניט אויפֿהערן קריכן אויף יעקבֿס לייטער, פּילן דײַן באַריר,
איך וועל קריכן אויף צעבראָכענע שטיגן,
און ביז איך וועל מײַן ניגון
ניט געפֿינען, וועל איך ווי אַ מתבודד
זײַן אַן עולה ויורד,
און פֿונקען צינדן, פֿונקען פֿון אמונה און כּפֿירה
און שרײַען. און שווײַגן. מיט קול. מיט דממה.
מיט אַלע פֿיבערן פֿון מײַן צעווייטיקטער נשמה.
איך דאַרף ניט, איך זוך ניט קיין נחמה.
אויב אַפֿילו אין מײַן קלעטערן,
ועסטו מיך אין תּהומות וואַרפֿן,
צעשמעטערן,
וועל איך אויף די שאַרפֿן
פֿון מײַן וואָרט, פֿון מײַן דרך גייען קלאָר און וואַך
און גלייב מיר, גאָט, פֿאַר מיר איז היינו הך —
אמונה, כּפֿירה, אין רווחה צי אין קלעם,
הודו לה', כ'זינג מיט אַלע ווייטיקן צום שם.

מט

ס'איז אַ מאמר חז"ל —
און מענדעלע זיצנדיק מיטן כּלל,
מיט אַן עדה ייִדן פּרײַטיק צונאַכטס האָט גערעדט שטיל, געלאַסן
און גדרשנט:
ווען עשׂו האָט געהערט, אַז יצחק אבינו האָט אַוועקגעגעבן די ברכות
צו יעקב אבינו
(צווישן די תּלמידים זײַנע האָבן זיך צוגעהערט חכמים,
נבֿונים און סתּם בעלי מלאכות)

האָט ער פאַר גרויס ווייטיק פאַרגאָסן דרײַ טרערן —
(אין דרויסן איז געווען אַ פינצטערע נאַכט אָן שטערן),
האָט ער ממשיך געווען אַזוי:
צוליב די דרײַ טרערן לײַדן ייִדן פון גלות.
ר׳ מענדל האָט זײַן קאָפּ געהויבן, פאַרריסן די פּאָלעס
און געגעבן אַ געשריי:
ווי לאַנג איז דער שיעור צו לײַדן פון עשׂוס טרערן?
די שטול האָט זיך געטרייסלט פון לײַכטן באַריר.
ס׳איז געוואָרן אַ בהלה.
ווי דער גיהנום זאָל אַרויס פון זײַנע צאָמען
מיט זײַן פּעך און סמאָלע;
ווי דאָס פײַער איז אַרויס מיט זײַנע צינגער־פלאַמען.
די חכמים און נבונים און די בעלי מלאכות זענען ניט געווען גרייט
הערן פון זייער רבין
אַזעלכע רייד.
מענדעלע, ווי אַ חיה וואָס איז אַרויס אַ צערייצטע פון איר נאָרע,
הייבט אָן ציילן
צרה נאָך צרה, —
די תּלמידים זענען ניט געווינט צו אַזעלכע דרשות.
מענדל ברעכט זיך צוזאַמען.
מענדל פאַלט אין חלשות.
מענדלס האַרץ איז ניט פון שטיין.
עפּעס פילן זײַנע תּלמידים: מענדל נעמט אַראָפּ די קרוין,
דעם כּתר פון שם הוויה.
מענדל ברומט אין פינצטערן צימער
ווי אַ פאַרוווּנדעטע חיה.
עשׂוס דרײַ טרערן? היתּכן?
דערפאַר דאַרף מען אין גלות אַ גאַנצן פאָלק צעברעכן?
פאַרוואַנדלען שבתים אין אומעטיקע אינדערוואָכנס?
היתּכן?
מענדל איז צעבראָכן.
די אותיות שפּרינגען אים אַנטקעגן. די אַלף פּאַטשט אויס דעם תּו.
חסידים צאַפּלען —

מענדעלעס סוף?
אַ קריוודע — שרײַט ר׳ מענדל. אַ קריוודע.
אַ שיברי כּלי דער רבי, אַ שיברי כּלי.
אַ חסיד צערײַסט זײַנע מלבושים, ברומקעט ווי פון שיגעון:
אלי. אלי.
עשׂוס טרערן שרײַען אַרויס פון אימהדיקע דנאָען.

נ

נאָענט צו כּפירה. נאָענט. אויסשטרעקן די האַנט,
און ליפּן וועלן שעפּטשען אַזעלכע בייזוויליקע רייד,
אַז פון קאַנט צו קאַנט
וועלן מלאכים שרײַען אויף די הימלען,
שרײַען און וואָיען:
שיגעון.
ר׳ מענדל איז מער ניט קיין מליץ
יושר,
ס׳שרײַען אומרויִקע קולות,
אויסטערלישע העוויות.
די וועלט איז אין משוגעים־הויז פאַרקראָכן.
אין אַ נאָרע פון חיות.
ג ע וו אַ ל ד.

נאָענט צו כּפירה געווען.
געפּלאַצט אַ סטרונע.
צעריסן דעם פּרוכת.
אָפּגעזאָגט זיך פון כּהונה.
אין דרײַען זיך געבויגן.
געקאָרטשעט זיך אין ווייטיק.
פאַרטרערטע אויגן.
אויף יעקבס לייטער צעבראָכן ליגט אַ שטאַפּל נאָך אַ שטאַפּל.
ער — ר׳ מענדל — אין פּלאַטערניש. געצאַפּל.

ער גייט אויס פון כּפירה־מחשבות.
פאַרדמיונט.
אָן קאַטאָווּעס.
ר׳ מענדל גרייט זיך מקבל קנין
זײַן: כּ פ י ר ה.
מלאכים וועלן מער ניט זינגען.
שׂרפים וועלן בלײַבן שטום, ניט זאָגן מער קיין שירה.
אין שיגעון פאַרקראָכן.
ס׳וואַקלט זיך ז ײַ ן שבת.
ס׳וואַקלט זיך ז ײַ ן אינדערוואָכן.
אויף דער וועלט הערשט אַ שד. אַ מכשפה.
עס ברענען צעפלאַמטע קנויטן.
מיט מענדלעס כּפירה קאָן מען אָנצינדן אַ שׂרפה,
אַז אַלע לעבנס און אַלע טויטן
זאָלן ווערן פאַרשׂרפעט.
ר׳ מענדל איז צעטרייסלט. ס׳ברענט אַ ש י ט ה.
פלוצלינג — אַ קול: ניטע
מענדל, ניטע
און עס צעפלאַמט זיך אַ קאַפּיטל תּהילים מיט אמונה און בטחון
פון דאָס נײַ:
זאָל דער שבת ירשנען דעם אינדערוואָכן.

ר׳ מענדל איז ניצל געוואָרן פון כּפירה.

נא

באַרימט זיך דער מענטש — ער איז אַ גאַנצע מלוכה,
אָבער איין גאָט אין הימל ווייסט:
ער איז אַ טיפּה סרוחה.
אַ שפּענדל אין אַ שטראָם,
אַ קליינער פלעק אין טיפער אימה. אין תּהום.
דער מענטש — אַ מלוכה?

אַ שטיק לײַוונט אַ גראָע,
אַ שוואַרצע שעה,
אַ וואָרעם. כּולו הכנעה.
אַ קראָ
וואָס לאָזט זיך אַראָפּ אויף פּגרים.
נאַקעט.
באַלאַגערט מיט ווײ און אימה.
אָרעם.
אַ מעלה־גרהניק. אַ בהמה.

נאָר ווען גלײַכט ער אויס זײַן רוקן?
ווען ער ווערט אַ פאַרזייער
פון גאָטס קערנער.
ווען ער ווערט אַ גייער
איבער גאָטס ברייטע שליאַכן.
מיט זײַן אָרעמען כאַלאַט. מיט זײַן בידנעם טאָג.
מיט זײַן לאַסט.
ווען ער נעמט גאָטס משׂא אויף די פּלייצעס און ער טראָגט
זײַן האַרץ צו הימלישע דעכער
מיט געשריי:
לאָמיר זיי מאַכן העכער.
ווען ער ווערט אַ קרבן־ע ו ל ה
און קריכט אויף אַ שטערן־לייטער, אַ שטאַפּל נאָך אַ שטאַפּל,
און אין הייכן הערט מען זײַנע קולות,
זײַן שמע ישׂראל צאַפּלט זיך אין צאַפּל,
אין קאָנוווּלסיעס
און דערגרייכט די ווײַטסטע ווײַטן,
און פאַרקריכט אין אַלע צײַטן, —
אָ, דאַן, ווערט די טיפה סרוחה —
אַ מלוכה.

דער קאָצקער — אַ שווערע משׂא.
אין זײַן מגע־משׂא

מיט די הימלען און מיטן דרויסן
האָט מען געהערט דאָס רוישן
פון אַ ים,
דעם געבריל פון אַ לייב:
גלייב.

נב

און נאָך האָט מענדעלע געזאָגט:
צו זײַן אַ למדן און בלאָזן פון זיך איז עבודה זרה.
קליין און נישטיק איז דער מענטש מיט זײַן הלכה
ווען ער פּאַרמאָגט ניט קיין התלהבות.
ער קריכט אַרײַן אין דער נאָרע
פון גאווה.
זײַן שאָקלען זיך האָט קיין ווערט. אויך ניט זײַן ברכה.
אין לומדות שטעקט אַ סכּנה.
אַ למדן דאַרף זײַן אַ פויער,
אין דער האַנט די בראָנע,
אַקערן, טיפער מאַכן, מיט באַגײַסטערונג, ווי אין קדחת
און מורמלען שטיל
אַלע ברכות.

אַז די נשמה איז אַן אביון ווערט דער למדן אַ בעל גאווה.
אַ למדן,
קאָן ער האָבן ווילדע תּאווה
צו דעם ש״ס און צו די פּוסקים,
אָן אַ ביסל נשמה יתרה —
האָט קיין ווערט דער פּסוק
פון דער תּורה.

אַ למדן זײַן איז ניט קיין תּכלית פאַר זיך.
אַ פּראָסטער ייִד קאָן זײַן אַ גרויסער טרוימער, אַ בעל חלומות.

קאָן אויסקושן אַלע שמות,
קאָן זײַן אַ גוטער סוחר אויף ירידן,
ניט אָפּנאַרן אַ גוי, ניט אָפּנאַרן אַ ייִדן
מיטן כּוח פון שולחן ערוך, חושן משפּט, אורח חיים, —
געגנוג. געגנוג.
אַ ייִד קאָן זײַן גוט און פרום און קלוג,
ווען ער פאַרגעסט ניט דאָרט אין הייכן זײַן מוראדיקן טאַטן,
און איז זיך מתיחד מיט זײַן אמת,
מיט זײַן משׂא און מתּן
און געדענקט אַז די שקיעה קאָן אָנקומען אַ ליאַדע טאָג.
קומט מענדעלע ראַטן:
אַרבעטן אויף אַ בלאַט גמרא איז טאַקע זייער ווייל,
אָבער דער עיקר תּכלית איז אַרבעטן אויף זיך.

צו זײַן אַ למדן און בלאָזן פון זיך איז עבודה זרה.
ס׳איז ניט דער שורש.
ס׳איז מידבּרדיקער זאַמד. ס׳איז קאָרע.
נאָר מיט יושר און מיט אמת וועסטו דײַן מאָרגן בויען.
אַנטקעגן זונען,
אַנטקעגן שחרית־טויען
ברענג דײַן האַרץ, דײַן גרויען קאָפּ צום קוואַל פון מענטש.
תּורה מיט התמדה קאָן מען קויפן,
נאָר פאַרשרײַב:
פון יושרדיקן משׂא ומתּן ניט אַנטלויפן.

נג

אַ מענטש, אַ חסר־דעה. פאַרקנאָטן אין עולם הזה.
מה זה?
ווען האָט ער צײַט צו טאָן תּשובה?
ווען האָט ער זײַן חוב באַצאָלט,
אַז וווּ ער גייט און וווּ ער שטייט:

גאָלד. גאָלד.
און וואָס איז שייך? עולם הזה באַדייט: עשירות.
פּאַלאַצן. פעלדער. וועלדער. מילן.
ער קאָן, חלילה, נאָך פאַרגעסן דעם אָרעמען טלית,
די אָרעמע תּפילין.
און וואָס וועט זיין אַז די שעה וועט קומען און וועט אים פרעגן:
פאַר וואָס האָסטו פאַרגעסן אויף די וועגן
אַ קאַפּיטל תּהילים. געטראַכט: אַ פעלד. אַ מיל. אַ וואַלד.
געוואַלד.
אַלץ אין דער וואַליזקע פאַרפּאַקט:
אַ שטיקל זייף. אַ ריינעם האַנטעך.
אַרויס אויפן גרויסן טראַקט
מיט אַלע כּלים, —
נאָר אַוודאי און במילא
פאַרגעסן מיטנעמען אַ ריינע מחשבה, אַ בלעטל פון דעם מעבר יבוק,
אַ שטיקל עולם הבא,
אַ ביסל כּבוד פאַרן שם־הוויה,
און אַ זמר־דשמיא.
אַ מענטש אַ חסר דעה פאַרקנאָטן אין עולם הזה.

עולם־הזה־וועגן לויערן מיט טויזנטער קאַטאַסטראָפעס.
אויב דו נעמסט ניט מיט אויף וועגן
די תּפילה פון די אָבות.
עולם הזה שלעפּט דיין טאָג ווייט ווייט,
ניט אויף גלייכן וועג,
נאָר אָן אַ זייט,
ווייט פון גאָט. ווייט פון מענטש. ווייט פון גרויסן בעל־הבית.
קומט אָן אַ לעצטע שעה אַנטקעגן דיר:
צער. פאַרדראָס.
פרעגט די לעצטע שעה אַ תּמעוואַטע שאלה:
פאַר וואָס?
און וואָס איז מיטן שיר המעלות?
פאַרלאָרן אים אויף דערנערדיקע דרכים.

דו גרויסער חכם.
אַ מענטש אַ חסר־דעה פאַרקנאָטן אין עולם הזה.

רײַס אַרויס זיך פון די עולם־הזה־פענטן.
אַ חשבון וויל ער. אַ חשבון מאָנט ער.
פּלאָנטער זיך אַרויס פון פּלאָנטער
און זאַמל אויף אין מאַרגנפרי
דײַן מי,
מיט ברכה און מיט חן
ביז דײַן זון וועט אונטערגיין.

נד

וואָס וואָלט געווען
ווען ר' מענדלס צוויי־דרײַ־הונדערט חסידים
וואָלטן געווען ווי דער בעל שם?
ווען זיי וואָלטן געשטאַנען לעם ברעג פון ים
און געזונגען: לכה דודי לקראת כּלה?
וואָס וואָלט דאַן געטאָן אַ כוואַליע?
און דער ים אַליין מיט זײַן שוים פאַרצויגן,
ווער וואָלט אָנגעצונדן זײַנע ברענענדיקע אויגן?
ווער וואָלט דאַן געזען דאָס ליכט פון גאָטס נאָמען
וואָס רײַסט זיך פון תּהומען.
ווער?

וואָס וואָלט געווען
ווען נאָך נײַן מענדעלעך וואָלטן זיך געשטעלט
מיט מענדעלען דאַוונען.
אָ, ר' יצחקל וואָרקער, זאָג, וואָלט די וועלט
געהאַט אַ קיום?
די וועלט וואָלט מיט בלויקייט זיך פאַרצויגן,
און אין די בלויקייטן, מאַכט אַ וואַרע,

וואָלט זיך אַרײַנגעשנירלט אַ מיסטעריעזע כמאַרע.
פון אַלע בריקן
וואָלט געווען איין בריק.
פון אַלע תּיקונים
איין תּיקון.
נאָך אַ גליק
וואָס דער בורא האָט ניט געוואָלט
אויפזאַמלען אויף איין פּלאַץ
זײַן גאָלד.
און האָט זײַן גאָלד צעשאָטן ווי די שטערן.
ערנסט.
גלייב מיר אויפן וואָרט. איך בין אַ ידען
אויף גאָטס סטעזשקעס. אויף גאָטס סליאַדן.

וואָס וואָלט געווען, ווען מענדעלע נעמט מיט אויף אַ יריד
נאָך אַ ייִד
אַזוי ווי ער,
און זאַמלט אויף אין קוישן
אַלע סודות, אַלע רוישן
פון ייִדישע תּפילות אויף די אומעטיקע שליאַכן.
וואָלטן ביימער אין די וועלדער געמוזט קראַכן,
אַלע אָרעמע הײַזקעס וואָלטן געוואָרן פּאַלאַצן,
און דער אביון וואָלט אין זיי געצונדן די שטורקאַצן.

אַ נס. אַ גרויסער נס איז אויף דער וועלט געשען.
איין ר׳ מענדל איז געווען.
איינער מיט זײַן כמאַרע. מיט זײַנע זונען.
מיט זײַן שטראָמעדיקן וואַסער אין זײַן ברונעם.

נה

גיע כּפיך כּי תאכל — זאָלסט עסן די האָרעוואַניע פון דײַנע הענט,
ניט די האָרעוואַניע פון דײַן מוח און דײַנע מחשבות.
אָן קאַטאָוועס.
שטייסט אויף אין דער פרי און דער מוח — אַ גאַנצע סאַמוטאָכע,
גיסט אָפּ נעגל־וואַסער,
מאַכסט אַ ברכה,
און די נשמה דײַנע פּאָכעט
מיט רוחניות, מיט אַ בלאַט גמרא, מיט אַ פּרק משניות.
נאָר דער גוף —
אָן חיות.
דער גוף — ווי אַ בידנע פליג אין פּאַוועטינע.
נאָר די מחשבה —
כּולה גײַסט. כּולה שכינה.
נו — און פּרנסה? האָב ניט קיין פּאַראיבל.
קאָן מען לעבן מיט אַ פּסוק תּהילים?

די נשמה אין פלאַקער. אין פײַער.
און ווער וועט דרעשן
די תּבואה אין דעם שײַער?
ווער וועט באַקן ברויט. ווער וועט אַ שטיקל האָלץ צעזעגן.
אַ גרויסע זאַך רוחניות.
אַ גרויס פאַרמעגן.
אַ פּראַכט.
נאָר האָסטו, חסיד מײַנער, אין די פרימאָרגן שעהען גוט באַטראַכט:
המוציא לחם מן הארץ, —
ווער און ווען?
ווער וועט שמידן אַ פערדס קאָפּיטע?
ווער וועט אײַנבײַסן די הענט אין המוציא־לחם־לאָפּעטע?
און ווייסטו, חסיד מײַנער, וויפל קאָסט
אַ לאַבן ברויט?
ניט אַנדערש, ווי דו דאַרפסט אין זומער־טעג,

אין גרויסן פראָסט,
פֿאַרקאַטשען אַרבל, און זײַ מיר מוחל,
מקיים זײַן:
יגיע כפּיך כּי תאכל.

אַזוי געקוקט האָט
ר׳ מענדל, — אַ מאָל אויף די פֿאַרפֿראַצעוועטע הענט,
אַ מאָל אויף גאָט
און געזוכט באַשיידן:
ווי פֿאַריחֿדט מען זיי ביידן.

נו

זײַן גאַנג, זײַן הויפּט־טראַקט — עקשנות.
קאָנען הימלען צעפֿאַלן און שטורעמס אַלע וועלדער אויסרײַסן,
דאַרף דער מענטש אין זײַן אמת זיך אײַנבײַסן,
ניט נאָכגעבן, גלייבן אַז זײַן אמת איז דער אמת
פֿון לעבן.
פֿון וועלט.
קיינער זאָל דיך ניט אין פּלאָנטער אַרײַננאַרן.
דו באַשטיי אויף דײַנס.
קעגן אַלע שטורעמס. קעגן אַלע געפֿאַרן.
מיט דער רצועה אין דײַן האַנט, שטיי אויף דער פּלייצע פֿון כּדור הארץ
און שמײַס, און רײַס,
פֿון ראַנד צו ראַנד,
מיט דײַנע סתּירות, מיט דײַן ווידעראַנאַנד,
מיט דײַן עקשנותדיקן גלייבן אין דײַן גאָט, —
און דײַן גאָט איז דער באַרג־אַרויף
און ניט דער באַרג־אַראָפּ,
דײַן גאָט, איז דער ליכטיקער זכּרון,
אַז ניט אומזיסט איז דײַן לעבן געווען,
ניט אומזיסט דײַנע יאָרן.

הערסט, חסיד: עקשנות.
קאָנען הימלען צעפאַלן,
נאָר דיר איז דאָס לעבן
געגעבן
גלייבן אין דײַן וואָרט.
און זאָל דײַן וואָרט גיין פון מיר צו דיר, פון איינעם צום צווייטן,
בײַ טאָג, בײַ נאַכט,
באַגלייטן
דײַן פרייד, דײַן יאָד,
דײַן שׂימחה און דײַן בראָד,
דײַן וואָרט באַזאַלצט מיט צער און טרויער,
נאָר אים האָסטו פאַרטרויט
דײַן מוציא
אויף דײַן שטיקל ברויט
אין דײַן היים אין דער פרעמד,
דײַן וואָרט, היט עס אויס,
ווי דײַן גוף היט אויס דײַן ריין פאַרלאַטעט העמד.

קאָן די ערד זיך צעטרייסלען און די הימלען אין אָפּגרונטן פאַלן,
באַגעגן
דײַן אמת, ווי ס'באַגעגענען שאַרפע זעגן
עקשנותדיקע וואָרצלען
מיט קריצערײַ פון ציין
מיט שלוכץ און מיט געוויין.

אַזוי האָט ר' מענדל אין דער שטיל אײַנגעבויגן זײַן קאָפּ
און פון זײַן שטילקייט
האָט ער מעביר־סדרה־געווען מיט עקשנותדיקן טראָפּ.

עס אַרט מיך. עס גייט מיר אין לעבן. כ'בין אַן איכפּתניק.
האָט ר' מענדל פּאַרקנייטשט זײַנע ברעמען, אָנגעשפּאַרט זײַן האַנט
אויפן הילצערנעם טיש. מיד —
און האָט אַזוי געזאָגט: אויב עס אַרט דיך, ביסטו אַ כּשרער ייִד.
ביסטו געשטאַנען אויפן באַרג סיני און די דונערן און בליצן
אין אַלע שפּאַרונקעלעך פון דײַן גוף
האָבן געטאָן ווערטער פאַרקריצן:
איך בין אַן איכפּתניק.
כ'וויל וויסן: איז דאָ אַ דין, איז דאָ אַ דיין.
איז דאָ אַ זין
פאַר מײַן תּפילה. פאַר מײַן קאַפּיטל תּהילים.
קאָן איך מן המצר מײַן לעבן באַנײַען?
און אַז אַ ביסל גאווה שפּאַרט אַרויס פון מיר,
בין איך ניט אַן עובד אלילים,
אַ געצנדינער,
אַ נאַרישער גאווה־שפּינער,
אַ דראַנג נאָך כּבוד, וואָס האַקט דיר אין די שלייפן
טאָג איין, טאָג אויס,
נו, וויל איך ווײַט אַנטלויפן, —
ווײַל עס אַרט מיך. און פרעגן פרעג איך
יעדע מינוט. יעדע שעה:
אפשר איז קיין תּכלית פאַר דברי תּורה ניטאָ?
און ווען עס כאַפּט מיך אָן אַ מורא,
אַנטלויף איך אין דער פינצטערניש פון אַלקערל
און פרעג: איז דאָ אַ טעם אין תּורה,
אין לערנען, קנעלן;
און אַז גאָט לאָזט מיך אַליין, ווי אַ ווינט אין פעלד,
און דאָס ליכט פון בית מדרש ווערט אויסגעלאָשן, —
ווו קאָן איך געפינען נײַע שוועלן,
ווו קאָן איך געפינען לשון
אַרײַנגיין צוריק אין קודש הקדשים פון גאָטס וואָרט?

ווײַל עס אַרט מיך. איך בין אַן איכפּתניק.
איך וויל אַז אין אָוונטיקן דעמער
זאָל מײַן ניגון אַרויסגעריסן ווערן פון תּהום,
ווי ס׳גייט אַרויף פון ברונעמער אַן עמער
פול מיט חיימדיקן קלאָרן וואַסער.

ווײַל עס אַרט מיך — פרעג איך, כ׳פּאַרטראַג
די שאלות צו אַלע מײַנע וועלדער, צו אַלע מײַנע טײַכן.
כ׳וועל אַ גלאָק
וואָס צעקלינגט זיך אין מרחקים, שפּאַנט אַרײַן צום אָרעמען, צום רײַכן
ווי אַ דונער־קנאַל.

אַ, גאָט מײַן גאָט, עס אַרט מיך,
וויל איך אָנקומען צום קוואַל
פון שאלות און פון תּשובות.
פּאַרגיב מיר, גאָט, די שאלות
איך קום צו זיי, ווי צום שיר המעלות.

נח

ר׳ מענדל האָט ניט געזוכט קיין חסידים, וואָס קומען כאַפּן שיריים
אָדער נעמען אַ ברכה.
אויסערגעוויינטלעכע נשמות האָט ער געזוכט.
נשמות, וואָס קאָנען אויסשטאַפּלען זייער רעיון
אין עמק הבכא, —
נשמות, וועלכע גייען צו זייער אמת דורך תּפיסות,
דורך שבעה מדורי גהינום,
דורך ארבע־בית־דין־מיתות.
דו זאָלסט זייערע נשמות ברענען
און זיי וועלן שרײַען:
„להשם האָרץ ומלואה״.
חסידים אין פּענט.

אין קלעם.
אויף אַלע ירידן און צווישן אייגענע ווענט
מיטן שם.
צוקאָפּנס פון דעם לעבעדיקן,
צוקאָפּנס פון דעם גוסס,
זאָלן טאַנצן און זינגען
די שם־הוויה־אותיות.

ניט קיין שיריים־חסידים האָט ר׳ מענדל באַדאַרפט.
נאָר דעם שאַרף
פון זייער מחשבה, אין געוועט
מיטן טאָג.
ר׳ מענדל האָט גערעדט
צו זײַנע חסידים אָפן, ניט פאַרשטעלט:
חסידים, ניט קיין מיטלמעסיקע, ניט קיין בעל־הבתּישע ייִדן,
וואָס ווילן האָבן אי תּורה, אי דרך ארץ,
אי ד י וועלט, אי י ע נ ע וועלט,
זייער איינזאַמען אַלקער אַרומגעצוימט ווי מיט שטאַכעטן.
האָט ער געזוכט יונגע חסידים,
ער זאָל זיי קאָנען קנעטן;
ער האָט געזוכט אַן אביון, אַן אָרעמען,
ער זאָל אים קאָנען אויספורעמען
און מאַכן אים ריין, רײַך ווי אַ טרער
און ניט מער.
רײַך ווי זײַנע תּפילות,
באַהויכט מיט אצילות
און ניט מער.
רײַך, ווי אין פרימאָרגן די פינקלדיקע טויען,
ווי זײַן פּחד פאַרן בורא,
ווי זײַן וואָיען
ווי אַ חיה.
ניט מער.
רײַך און פאַרפאַנצערט און פאַרעקשנט ער זאָל קאָנען

אַלע גריבער אַריבער.
אין שווײַגעניש. אין שטומעניש. אין דיבור.
ניט מער.
ר׳ מענדל האָט ניט געזוכט קיין שיריים־חסידים.
ניט געוואָלט פון זיי הערן און וויסן.

נט

דער מענטש איז עפּעס אַזוינס וואָס דאַרף זיך אַליין איבערשטײַגן.
הענג ניט אָן די ווערטער אויף די צווײַגן
פון ניטשען.
ר׳ מענדל האָט עס געזאָגט.
אַ מאָל אין ראש חודש,
האָט ר׳ מענדל גערעדט
און די חסידים האָבן געפילט:
שׂיח שׂרפי קודש.
אין אמונה. אין שאלות. אין גלויבן
העכער, העכער גרייכן,
אַ מענטש מוז זיך כּסדר אויפהייבן.
ניטאָ קיין סוף צו הייכן.
אַריבער אַלע עצמים. אַריבער אַלע זאַכן.
איבער אַלע וועגן,
איבערשטײַגן זיך אַליין.
אויסגעטראָטענע שליאַכן פירן אין אַ זומפּ אַרײַן.
דאָרטן וווּ דו ביסט נעכטן געשטאַנען,
שטיי ניט הײַנט.
שפּאַנען. ווײַטער גיין. און שפּאַנען.
בלײַבסטו שטיין אויף איין פּלאַץ זינקסטו אין זומפּיקער מרה־שחורה.
אין שרעק. אין מורא.
האָט ר׳ מענדל אויפגעהויבן זײַן קאָפּ
און געזאָגט אַזוי:
ס׳איז אָדער אַרויף, אָדער אַראָפּ,

אָדער מען קלעטערט, אָדער מען קוילערט זיך אַראָפּ.
און איז פֿאַרשוויגן אין זײַן ווײ.
אין טאָג האָט אָנגעקלאַפּט אַ רעגן אַ טריבער,
האָט ר׳ מענדל אויפֿגעזאַמלט זײַנע לעצטע כּוחות
און געזאָגט: אויב מען קאָן ניט אַריבער מוז מען אַריבער.
אַ מענטש איז ניט קיין גולם.
אַלע נשמות קומען אַראָפּ אויף אַ לייטער
פֿון אויבן אויף דעם עולם.
אונטערן באַרג סיני האָבן זיי געהערט אַ קול:
אַרויפֿצוגיין צוריק צו די הימלען מער ווי איין מאָל.
זוכן זיי דעם לייטער.
זוכט אַזוי איינער. זוכט אַזוי אַ צווייטער.
געפֿינט מען ניט — דאַרף מען שפּרינגען,
צי ביחידות, צי מיטן ציבור:
אויב מען קאָן ניט אַריבער מוז מען אַריבער.
מען דאַרף אויסהאַקן אַ וואַלד, כּדי אויפֿבויען פֿון אים דעם לייטער.
אַ וואַלד.
און צי אויס דײַנע הענט צו זײַן ליכטיקער געשטאַלט.
ער וועט דיר העלפֿן. ער דערלייזט.
דער רחמים־ברענגער.
דײַן טרייסט.
דער מענטש איז עפּעס אַזוינס וואָס דאַרף זיך אַליין איבערשטײַגן.

ס

דער מענטש טאָר ניט זײַן הײַנט וואָס ער איז געווען נעכטן.
מ׳גייט ניט אַרײַן אין זעלבן וואַסער צוויי מאָל.
אַלץ פֿליסט. אַלץ גייט. עס ענדערט זיך דאָס קול,
די תּפֿילה,
דער מה טובו פֿון נעכטן, איז ניט דער מה טובו פֿון מאָרגן,
אין אַנדערשקייט,
דער סוד פֿון לעבן איז פֿאַרבאָרגן.

יאָ. ר׳ מענדל האָט געהאַט אַ גרויסן חבר:
הערַאקליט האָט מען אים גערופן.

אַלץ בײַט זיך פון מינוט צו מינוט.
דער בורא עולם קאָן ניט פאַרטראָגן
די זעלבע פאַרטאָגן.
יעדער פאַרטאָג דאַרף האָבן זײַן קאָליר.
איין זריחה צו דער צווייטער איז ניט גלײַך,
אַזוי ווי די כוואַליעס אין דעם ים,
ווי דאָס ריזלען פון דעם טײַך.

אַלע חלומות האָבן באַזונדערע רוימען.
אַזוי איז געבויט דער עולם הדמיון.
ווען דו ביסט מקבל קנין
דײַנע טרוימען
פיל אַרויס די באַזונדערקייט פון יעדן חלום
און באַצאָל אים
דעם פרײַז וואָס עס קומט.

דער מענטש טאָר ניט זײַן הײַנט וואָס ער איז נעכטן.
די זעלבע מיצוות — און זייער פנים יעדן טאָג — אַן אַנדערער.
דו, מענטש, אַ וואַנדערער
איבער וועגן, כּדי צו זען באַזונדערקייט אויף יעדן וועג־און־שטעג,
צו זען, ווי עס פאַלט אַ בלאַט
אין גרויסן וואַלד,
און יעדער בלאַט, זוכט ווײנענדיק אַ האַנט,
די זאָל אים אויפהייבן צוריק צום בוים,
און יעדער בלאַט ווײנט זײַן טרויער אויס אין שטילקייט,
אין געהיים,
און אַלע געוויינען האָבן אַ באַזונדער קול,
אַ קול פון היכל. אַ קול פון טיפן. אַ קול פון היילן.
נאָר דו מיט דײַן פאַרשטאַנד קענסט די באַזונדערקייט פון אַלע קולות
מיר דערציילן.

ר׳ מענדל און הערַאקליט גייען צוזאַמען.
איינער מיט שטילקייט
דער צווייטער מיט פלאַמען.
ביידע האָבן אָנגעטאָן זייערע טרוימען —
באַזונדערע קרוינען.

סא

אַ קאָצקער חסיד האָרעוועט כּדי צו זײַן אומצופרידן מיט זיך.
דאָס לעבן זעט ניט אויס ווי בלויע טויבן.
דאָס לעבן קוקט ניט אויס ווי אַ שטראַל אויף בלויע שויבן.
גאָט האָט דיר געשענקט מונטערקייט און שׂימחה,
דו זאָלסט זיי אויסבײַטן אויף צער,
גאָט האָט דיר געגעבן שׂכל, כּדי צו זײַן אַ חכם,
בײַט אויס דײַן חכמה, כּדי צו זײַן אַ גרויסער נאַר,
אַ נאַר וואָס אַלע זײַנע טריט
טאָפּטשען אין די בלאָטעס,
און זײַן וואָרט גליט
ווי אָנגעגליטער אײַזן אין דער קוזשניע.

אַ קאָצקער חסיד האָרעוועט כּדי צו זײַן אומצופרידן מיט זיך,
שטענדיק שולדיק בלײַבן זײַנע אָרעמע יאָרן,
אַן אייביקער בעל חוב
זײַן זכּרון,
אַ שטענדיקער עָרב
זײַן גרויסער גאָט,
אַז ער וועט ניט ווײַט אַוועק,
און נאָענט זײַן צום „שויתי״
ווי אַ קרוב.
העי, דו פּראָסטער ייִד, דו פּשוטער בעל מלאכה,
לערן זיך ניט זײַן קיין פּײַפער,
דאָס לעבן איז ניט קיין הפקרדיקער פּײַף,

דאַרפֿן דאַרפֿסטו זײַן אַ שלײַפֿער
און שלײַף דײַן תּפֿילה צווישן ייִדן
און חזר איבער:
אַ קאָצקער חסיד האָרעוועט כּדי צו זײַן אומצופֿרידן.

נעם מיט מיט זיך אויף גאַסן, אויף אַלע גערוישן
פֿולע קוישן
מיט מײַן בייזקייט.
צי אַליין, צי אין צווייען
גיי אַרויס אין וועלדער, גיי אַרויס אין פֿעלדער
דאָרטן, צווישן שטורעמס, ווינטן זאָלסט פֿאַרזייען
דײַנע קערנער.
זוך גאָט מן המצר, זוך אים דעם גערעכטן,
אויב אַפֿילו ער האָט צעהאַקט דײַן לעבן, עוולות דיר געטאָן
זאָלסטו ניט פֿאַרפֿלעכטן
בייזע מחשבֿות אין דײַן תּפֿילה.
גאָט האָט אַלץ געטאָן וואָס ער קאָן
כּדי דו זאָלסט זײַן אומצופֿרידן מיט זיך.
די ווײַזערס אויף דײַן זייגער אָנגעצויגן,
גיי מיט,
מיט האַרץ, מיט פֿלאַם און פֿײַערדיקע אויגן
פֿאַרצערט, פֿאַרטרערט.
אַ קאָצקער חסיד האָרעוועט צוגרייטן זײַן לעבן צו אַ זאַלציקער טרער.

סב

פֿדי פּטור ווערן פֿון עצבֿות דאַרף מען האָבן סיעתּא דשמיא.
ווײַל עצבֿות ברענגט עשירות
דעם נפֿש, נאָר פֿאַראָרעמט דײַן טאָג־טעגלעכן גאַנג.
גיי ברום אין עצבֿות, ווי אַ חיה.
אָנגעצויגן אַ סטרונע אויף דער לירע
און אומעטיק ס׳געזאַנג,

אַז גאָט אַליין כליפּעט מיט ביטערע טרערן.
זאָלסט מיט דײַן עצבות ניט בלײַבן היימיש.
ס'קאָן חלילה אַרײַן אין האַרצן,
ווי אַ סוד, ווי אַ געהיימעניש
און דו וועסט אים שוין פון אַלקער ניט פאַרטרײַבן.
דער אומעט איז אַן עקשן,
ער קאָן, חלילה, זײַן בײַ דיר אַן אָפּטער גאַסט
און בײַ דײַן טיש פאַרבלײַבן.

עצבות האָט אַזאַ נאַטור:
מיט אַן אָנגעגליטן אײַזן
אויסקריצן טיפע לעכער אין דער איידעלער נשמה.
אַ מחוצפת. ווילן וויל זי שטענדיק דיר באַווײַזן
אַז זיס איז איר נקמה:
אַ שמייכל פון די ליפּן אָפּצומעקן,
אַ ביסל פרייד דערשטיקן
אין אַ הייסן טאָג זאָלץ דיר געבן לעקן,
שטיקער פון דײַן לעבן פליקן.
שטום און שטומער ווערט דײַן לשון.
עצבות האָט הנאה,
אַז איר בײַטש האָט דײַן לײַב צעדראָשן.

כּדי פּטור ווערן פון עצבות דאַרף מען האָבן סיעתא דשמיא.
קלײַבן מיט עקשנות פאַרבן.
זייען, אַקערן און אײַנזאַמלען
די גאַרבן.
אויסצופּן די פאַלשקייט פון די קולות און די טענער.
די וועלט דאַרף ווערן שענער.
באַצי זיך ניט מיט רחמים צו דײַן אומעט. זײַ שטרענג.
וויש אָפּ די גרויקייט פון די הימלען, פאַרטרײַב דײַן זיפץ.
לייג זיך אין דער ברייט און אין דער לענג
אַז דער האַרבסט זאָל ניט אָנקלאַפּן אין טיר.
און שרײַב אויף מיט בלויען געשריפטס

אַ שיר:
סיעתא דשמיא איז דאָ.
אָנגעקומען איז דער נאַכטיגאַל.
פון מײַן בוים אַנטלאָפן איז די קראָ.

עצבות, טונקעלער דרויסן. כ׳אַנטלויף.
ווי אַ ייִנגעלע לאָמיך קײַקלען הײַנט דעם רייף
פון אַ ביסל פרייד.

סג

עס איז דאָ אַ העכערער שׂכל אין אַלצדינג.
אין אַלע שעהען,
אין אַלע זריחות און אין אַלע שקיעות.
אין אַלע עמערס וועלכע שעפּן־אויס די וואַסערן פון דנאָען,
אין יעדן פאָדעם
אין אַלע מוראס און אין אַלע פּחדים
פון בן אָדם.
עס איז דאָ אַ העכערער שׂכל אין אַלצדינג.

אין מילגרוים,
אין עפּלבוים,
אין סוד, און אין סאָד פון וועלט,
אַהין ווו אַלע סטעזשקעס טוען דיך פירן,
אין באַהאַלטענע טרערן,
אין קאָלירן,
אַ העכערער שׂכל, צי אײנזאַם, יחידיש איז דײַן שפּאַן,
צי דו ביסט נאָר אַ קעמל
אין מידבר־קאַראַוואַן.

דו מיינסט דו ביסט אַ ידען.
אַלץ ווייסטו. אַלץ קענסטו. אַלץ פאַרשטייסטו.

אַ בן בית איבער אַלע סליאַדן,
ביימער, טײַכן, ימען
דײַנע קאַמעראַדן.
שטערן — נאָענטע קרובים אין דײַן לעבן.
ניין, ברודערל, ניין:
עס איז דאָ אַ העכערער שׂכל אין אַלצדינג. אין אַלע געוועבן.
אין דײַן שׂימחה און געוויין.
דו וווּנדערלעכער גייער.
אויף די פעלדער פון בורא עולם וואַקסן קערנער.
דו — דער זייער.
אין שײַערן דעם נס האָסטו געדראָשן,
בײַ די שפּיצן פון העכערן שׂכל
אָרעם, נישטיק איז דײַן לשון.

מ׳דאַרף פאַרשטיין דעם וווּנדערלעכן סנה.
קוק זיך, ייִדעלע, אַרום.
די וועלט איז באַשאַפן פון אַ גוטן בעל מלאכה.
ניטאָ קיין מום.
עס איז דאָ אַ העכערער שׂכל אין אַלצדינג.
עס איז דאָ.
ניט פאַר אַלע
רעד איך פון העכערן שׂכל.
נאָר דו. דו וועסט פאַרשטיין.
דיר בין איך מגלה:
עס איז דאָ אַ העכערער שׂכל אין אַלצדינג.

סד

ניטע און נאָך אַ מאָל ניטע.
ניין און ניין און ניין.
האָט די גאַנצע סוויטע
געמיינט: מ׳טאָר ניט. מ׳קאָן חלילה פאַרשפּילן ש״י עולמות.

דאָ די השגחה עליונה. דאָרט די השגחה עליונה,
און ביני לביני:
אַ שחרית. אַ מינחה. אַ מעריב.
פון מה טובו, ביז מעריב ערבים: ניין און ניין און ניין.
דוכט זיך אַ בידנע לעבן. אַזעלכע אָרעמע שעהען.
אַז ווּ דו גייסט און ווּ דו שטייסט: ניט יאָען
נאָר ניינען.
כ'לעבן: מעג מען טאַקע אַזוי באַוויינען
אַלע וואָכן. אַלע חדשים.
אָן איבעררײַס אַרײַנקוקן שטענדיק אין פּנים פון דער שכינה,
און אָנקומען פרי צי שפּעט, נאָר שטענדיק גלייביק בלב ונפש
אל התּפילה. אל הרינה.

וויל ער אַזוי ר' מענדל, אויסגעטאָן פון דער וועלט
און אַרײַנגעוואָקסן אין איר ווי אַ געזונטער וואָרצל.
האָב פּײַנט די שקרים.
איין מאָל און נאָך אַ מאָל: האָב פּײַנט די שקרים.
דו ביסט אַ לייב.
דו ביסט אַ וואָרעם.
דו ביסט חושך. דו ביסט ליכט. מיט עשירות אָנגעלאָדן.
צעטרענצל ניט דײַן לעבן.
מיט הכנעה און געזונטע פיס שטיי שטאַרק און טיף אין באָדן.
און אַז דו קאָנסט ניט שרײַען
שווײַג,
שווײַג אויס דײַן רעיון
ממעמקים. מן המצר. פון די טיפע קעלערן.

האָט ר' מענדל געטענהט און געזאָגט מיט עקשנות.
מיט געשריי. מיט שווײַגן:
קום אַהער און מײַן וואָרט אין שטומעניש באַנעם:
אַ ייִד ווערט אָנגערופן „יהודי" אויפן נאָמען פון יהודה,
ווע‍גן וועמען לאה האָט געזאָגט: הפעם אודה את השם.
עבודת הבורא מעסט מען ניט מיט מאָסן פון עונש און שׂכר.

קום אַהער, דו חכם איינער,
קום אַהער מײַן נאַר.
שׂכר אַהער, שׂכר אַהין: אודה את השם. איז ניט באַצאָלט.
אַזוי האָט ר׳ מענדל געוואָלט.

אמת און אמונה צוזאַמען.
אַ פּאָר. מ׳קאָן זיי ניט צערײַסן.
דײַנע טאַטע־מאַמע.
מיט חסד. מיט געבייזער: אַזוי צו לעבן,
ר׳ מענדל איז גוזר.

דער אמת מיט אמונה דראַפּען זיך אויף דײַנע ווענט.
שטרעק זיי אויס די הענט
פאַרקריץ זיי טיף אין דײַן זכּרון
און זאָל דער פרימאָרגנדיקער האָרן
אָנזאָגן דײַן וועלט וואָס מ׳מעג און וואָס ס׳איז אסור. אמר ר׳ מענדל.

סה

אַ חסיד דאַרף לעבן אי אָפּגעזונדערט אי חברותאדיק,
אויסגעקאָכט מיט מענטשן און לעבן ביחידות.
ווײַל דער מענטש פאַרמאָגט גוטע מעלות
און שלעכטע מידות.
יעדער איינער דאַרף וויסן וואָס איז מיטן כּלל,
און וואָס מיר איז,
ווײַל יעדער איינער פון אונדז איז פאַרשטאָכן מיט סתּירות.
עס ריזלט אין זײַנע אָדערן אַ טײַך, אַ קוואַל,
אַ ים,
אַן אויסגעלאָשענע האַלאָוועשקע, און אַ פלאַם,
יעדער איינער פון אונדז ווינט אין אַ היכל און אין אַ שמאָלן אַלקער,
ער לאַכט, ער שמייכלט,
ער זינקט אין טיפן צער, אין אומרו און געוואַלגער;

אַט שטייט ער דאָרט דער לייטער און ער קריכט,
באַלד וועט ער אײַך דערציילן
אַז ער איז דערגאַנגען צו די שטערן;
אָבער וויסן ווייסט ער אַז ער ליגט אין טיפע היילן
און ממעמקים שרײַען די חלומות און באַגערן,
ווײַל הימלען זענען ווײַט און וועגן זענען בלאָטיקע און טריבע,
און פול מיט הקדשים די גריבער, די תּהומות,
ווער קאָן זיי דען אַריבער, —
אָבער סתּירות זינגען אויף די וועגן ווי דער סאָלאָוויי
מיט האַרציקייט און שׂימחה, מיט טרערן און מיט וויי.

אַ מענטש דאַרף שטיין לעם יחיד־ברונעם
און אויסהערן די תּפילות פון דעם כּלל.
שטיין אַליין אין בית המדרש אָנגעשפּאַרט אין שטיינערדיקער וואַנט,
און וויסן אַז דער וואָס שטייט לעם אים, דער שכן,
איז אים גוט באַקאַנט,
ער וויינט מיט אים צוזאַמען אין יום־טוב, אין דער וואָכן,
שכנים נאָענטע, בשותּפותדיקע הײַזער,
און צוזאַמען שטייען זיי אין תּפילה צו דעם בורא
און דרייען אָן די ווײַזערס
אויף דעם וועלטישן זייגער.

אַליין אין דעם טומל, אין גערודער
און מיטן גרויסן כּלל — אַ ברודער.
אַ יחיד וואָס וויינט אויף זײַן קראַנקן בעט, אין שפּיטאָל,
און פאַרנעמט מיט פײַערדיקן אָטעם דאָס קול
פון ציבור.

פאַרקנאָטן אין סתּירות. אַזוי האָט ר׳ מענדל באַשלאָסן.
אַ קלייניקייט — אַליין אין זײַנע ש״י וועלטן
און קען די מידות און די מאָסן
פון אַלע זײַנע ייִדן.
איבער דעם סידור פון בורא עולם אײַנגעבויגן

מיט אויסגעבענקטע אויגן:
זאָלן די סתּירות זײַן אַ צירונג
און ניט פֿאַרפֿירן צו פֿרעמדע וועלטישע ירידן.

סו

שפּאַנונג. מעלאַנכאָליע. אומרו און אומעט.
שפּינוועבס און אײַזן.
אַזוי פֿיל סתּירות. ווי קאָן מען מיט די סתּירות באַווײַזן
אַז דו ביסט בײַם בורא עולם דער ניבחר. דער באַשערטער.
אַז נאָר ד י י ַנ ע ווערטער
קומען אָן צום בורא עולם.
אַז נאָר דו ביסט אויף וועלטישע שלאַכן דער אוצרות־קלײַבער.
דו, דער בעל מנגן.
דו, דער שרײַבער.
אַז נאָר דו — דאָרט ווו דו ביסט געשטאַנען,
איז הייליקייט פֿאַראַנען.
קדושה. ניצוצות.
אַז נאָר דו דער שטערן־זאַמלער.
נו, גיי דערצייל, אַז אין דער אמתן
האָסטו ניט קיין לשון און שוין לאַנג ביסטו אַ שטאַמלער.
מגמגם.
וואָס קאָן אַפֿילו ניט ענטפֿערן קיין אָמן
און זאָגן הויך אַ קאַפּיטל תּהילים פֿאַר זײַן ליבן נאָמען.

שפּאַנונג. מעלאַנכאָליע. אומרו און אומעט.
אַזוי דרייען זיך די פֿליגל פֿון דײַן מיל.
שטיל
און מיט געשריי.
און די פֿליגל דרייען זיך אין ווינט, און גייען זייער גאַנג,
און דו קוקסט נאָך, — אויך דו
אַ פֿליגל פֿון דער מיל,

מיט מחשבה, מיט געדאַנק,
נאָר אונטן אויפן פלאַך,
אַ חלוש. אומעטיק און שוואַך.
נו, גיי דערצייל אַז דו ביסט אַ שטאַמלער און אַ בעל מחשבות,
און אין דײַנע סתּירות
גייסטו נאָך די טריט פון דײַנע אָבות,
נאָר דײַן בידנע וואָרט
זוכט אַ היים,
אַ פּאָרט,
ווי אַ שיף אין שטורעם.

שפּאַנונג. מעלאַנכאָליע. אומרו און אומעט.
קלינגט אַזוי דײַן גלאָק קלאָר און מיט סודות.
נאָר אַלע טעג זענען מײַנע עדות:
אַז כ׳וועל קיין מאָל ניט אָנקומען צום עיקר.
אַז מײַן לעבן איז אַ לאַטע אויף אַ לאַטע,
אַ העמד צעריסן אויף שטיקער.
איך ווייס גענוי:
דער שחר שענקט ניט מײַנע קווייטן אַ טראָפּן טוי.

שפּאַנונג. מעלאַנכאָליע. אומרו און אומעט.

סז

אַ סתּירה — צווישן דעם וואָס מען וויל
און דעם, וואָס מען איז.
וואָס מען וויל — אַ ריז.
וואָס מען איז — אַ קאַרליק.
וואָס מען וויל — אַ ברייטער זומערדיקער וועג.
וואָס מען איז — אַ שפּאַרונקעלע, אַ צינגל פון אַ וואָגשאָל אין צאַפּל.
דער טײַוול שפּרינגט אַרײַן
און איז זיך מיט דיר מטפּל.

ניט קיין ים ביסטו, נאָר אַ מורמל פון אַ פלוס,
פון אַ וואַסער.
אַ שטות
צווישן אַלע פאַרבן.
וואָס מען וויל — אַן אוצר מיט פרייד.
וואָס מען איז — נאַרישעוואַטע רייד.
אַ שטרויכלענדיקער טראָט
אויף די שוועלן פון גאָט.
אַ באַשעפעניש — פון הינטישן שטאַם.
וואָיעט. וואָיעט, ביז ער ווערט אַנטשוויגן.
וואָס מען וויל — אַ פייער. אַ פלאַם.
וואָס מען איז — אַן אַנטשוויגענער ניגון
אויף אַ פוסטער לאָנקע.
קיינער הערט. קיינער זעט.
די שטערן האָבן באַשטימט:
ס'איז שפּעט,
מ'דאַרף אַהיים גיין
און לייגן שלאָפן
דאָס ביסל פרייד און דעם ים געוויין.
די פינצטערניש האָט צעריסן אַלע קליידער פון דעם טאָג
און די זון איז אויך אַוועק.
געקומען די שקיעה מיט איר וואָרט. מיט איר זאָג.
געקומען גליווער. געקומען שרעק.
אין וואַלד איז אַוועק אַן איינזאַמער מענטש,
אפשר דאָרטן וועט ער טאָן אַ זונג,
איז אים אַ ווינט אַנטקעגן געקומען,
אַ שפרונג
פון אַ צעבראָכענעם בוים:
נאַ, זע. דער וואָרצל אויסגעריסן.
געבליבן אַ הויפן לעבן. אַ ברעקל. אַ שטיקל.
און אויף אַן אָפּגעבראָכענער צווייַג —
אַ געהאָנגענער אויף אַ שטריקל.
וואָס מען וויל — אַ וואַלד. אַ רוישן פוןביימער. אַ גרויסע שעה.

וואָס מען איז —
אַ קראָ
אויף פּגרים.
נאַקעט. אָרעם.
אַ לאָמפּ מוטשעט זיך. פֿייניקט זיך. דער קנויט גייט אונטער.
געמיינט:
מיט זיין ליכט וועט ער פֿאַרבלייבן אין דער חשכות אַ וווּנדער.
וואָס מען וויל, וואָס מען איז —
אַ ריס. אַ סתּירה.

סח

רבונו של עולם, זײַ מיר מתּיר נדר
און איידער
דו וועסט מיך רופֿן אַ דין וחשבון אָפּגעבן
פֿון מײַן לעבן,
פֿון מײַן זײַן
און פּײַן
אויף דער וועלט;
און איידער
מײַן נשמה און מײַן גוף וועלן ווערן עפר ואפר, —
זײַ מיר מתּיר נדר:
איך וויל שרײַבן אַ ספר.
דאָס ספר וועט האָבן איין דף. און דער דף — איין עמוד,
און דער עמוד — איין וואָרט, און דאָס וואָרט: דרײַ אותיות,
דרײַ אותיות ווי אַן אש תּמיד:
אָדם. מענטש.
אָדם. דער כּתר פֿון וועלט. דו הערסט: דער כּתר.
ער ווערט קיין מאָל ניט קלענער.
ער ווערט שטענדיק גרעסער.
ער ווערט קיין מאָל ניט מיאוסער.
ער ווערט שטענדיק שענער.

ער איז שיין און גרויס אויך אין זײַן הבל הבלים.
ער איז שטענדיק װוּנדער. נס.
ער איז שטענדיק חלום.
הערסט, רבונו של עולם: ער איז שטענדיק — נ ס,
ניט פֿאַרגעס.
קוק זיך נאָר אַרומעט.
זע:
ער איז שטענדיק סנה.
אין זײַן פֿרייד. אין זײַן צער און אומעט.
און אויב אַפֿילו: בנטיעות קצץ,
איז ער שטענדיק תּפֿילה. תּיקון.
ניצוץ.
אויב דו װעסט אַפֿילו אין דײַנע שטורעמס, זײַן װאָרצל רײַסן, פֿליקן,
װעט ער זיך האַלטן בײַ דײַן פּאָלע.
קאָן ער זײַן אַ רב, אַ בעל עגלה
אָדער סתּם אַן אַרענדאַר, —
ער איז שטענדיק לעם דיר.
ער שטעפּט זײַן תּהילים מיט אַ מענטשלעכער נאָדל.
ער זאָגט אָפּ מן המצר
און ס'װערט גרינגער זײַן צער.
אויף אַלע ירדן, בײַם מיסחר און אין דײַן היכל,
געדענקט ער דעם סוד הגדול
פֿון מענטש. פֿון גאָט. פֿון בריאה.

רבונו של עולם, זײַ מיר מתּיר נדר, כ'בין ניט קיין כּופֿר,
כ'װיל שרײַבן אַ ספֿר:
דאָס ספֿר װעט האָבן איין דף, און דער דף — איין עמוד
און דער עמוד — איין װאָרט. און דאָס װאָרט — דרײַ אותיות,
דרײַ אותיות װי אַן אש תּמיד:
אָדם. מענטש.

סט

ײדן.
אַזוי האָט אַ חסיד אַרײַנגערוימט אַ סוד מיט געשריי:
פֿאַרשטאָרבן, פֿאַרגאַנגען איז דער אַלטער קאָוואַל,
דער קאָוואַל וואָס פֿלעגט אונדז האַמערן און שמידן.
דער פּרימאָרגן־שופר זאָגט אָן: אַ ליכטיקע שעה.
אַ קוילן־גרעבער,
אַ דינער װעבער
איז אָנגעקומען דאָ.
דאָ צום כּסא הכּבֿוד. דער וואָס האָט שטענדיק געטאָן זוכן
אַ שטיקל יושר,
אַ פּיצל אמת,
וויל פֿאַרזוכן
כאַפּן אַ שמועס מיט אַ מלאך און פֿרעגן אים עטלעכע שאלות:
ווען זינגט מען דאָ דאָס ליד
פֿון תּהילים וואָס הייסט: שיר המעלות?
און דער חלף וואָס האָט געקוילעט דעם שור הבר
איז אָן פּגימות.
און ווער זינגט אין כאָר
נאָענט צום בורא עולם?
ווײַל אויך אויב דאָ איז פּסול די מזוזה,
ווערט מיר אויך אין הימל נימאס
ווערן און כ'וועל נעמען מײַנע דאַרע פּיס
און אַוועקגיין ווײַטער
מיט מײַן וויי און ריס.

ר' מענדל איז געקומען אויף יענער וועלט מיט אַ טאָרבע
מיט לאַוון.
מיט איסורים.
אויך דאָ איז ער גרייט צו זאָגן זײַנס אַ חסיד: דאַוון
און פֿאַרשטיי דעם פּירוש המילות:
מיט יסורים,

מיט האַרץ דאַרפסטו ווי אַ קאָוואַל שמידן דײַנע תּפילות.
אַלע פּחדים. אַלע מוראס.
אַלע דורות
קוקן דאָ אויף דיר.
און אַז איך בין דאָ,
שרײַען די מלאכים:
מן המצר קראָתי יה.
מן המצר. מיט אַלע מאַרכן
פון דײַן מוח:
היטן. וואַכן.
ס׳זאָל קיין פּגימה אין דײַן תּפילה ניט אַרײַן.

ר׳ מענדעלען איז געראָטן
מיטנעמען אויף יענער וועלט זײַן פידל
מיט די נאָטן.
גיי דערצייל:
זינט ר׳ מענדל איז דאָ: השמים מספרים כּבוד אל.

ע

דער פּשוטער מענטש וויינט.
דער העכערער מענטש שווײַגט.
דער גאָר הויכער מענטש דערהייבט זײַן ווייטיק צו געזאַנג.
מענדעלעס וואָרט דערהייבט ווייטיק צו געזאַנג.

האָט דער גרויסער מתבודד מיר אָנגעקלאַפּט אַ מאָל אין לאָדן
און געזאָגט שטיל, רויִק, אָן פאַרדראָס.
די סתּירות פון דער וועלט זידן און זאָדן.
פאַרשרײַב אות נאָך אות
די ווערטער פון אַ ייִד וואָס האָט געוויינט, געשוויגן
און זײַן ניגון
ווי זײַן ווייטיק דערהויבן צו געזאַנג.

די סתּירות פון דײַן לעבן גייען דיר נאָך ווי אַ שאָטן.
פרייד און טרויער טרעפן זיך צונויף.
אין דײַן האַרץ ליגט טיף פאַרקנאָטן
שמאיס אויגן פון דײַן טאַטן,
הללס גוטסקייט פון דײַן מאַמען.
בנאמנות
האָסט געירשנט די מתּנות
פון דײַנע אַלטע טאַטע־מאַמע.
מיט דעם כּבוד פון זייער נאָמען,
שטעל אויף דײַן בײַדל בײַ יִדישע קוואַלן
און זעגל זיך אויף כוואַליעדיקע ימען,
קעגן שטראָמען,
קעגן אַלע
וואָס ווילן אויסרײַסן דײַן וואָרצל.
דײַן יִדיש ליד איז הײַנט געוואָרן נתגלה
בײַ דעם טיש פון גרויסן מתבודד.

*

זון־פאַרגאַנג. אַ טאָג נאָך אַ טאָג ווערט פאַרברענט.
מינוטן פון הנאה.
מענדעלעס פײַערדיקע אותיות האָב איך הײַנט דערקענט.
וויל מײַן ליד פאַרשרײַבן אַ צוואָה:
אין דײַנע סתּירות לעב.
און שלעפּ דעם יאָך פון פרייד און טרויער
איבער אַלע וועגן־שטעגן.
און געדענק: דרײַ ברירות:
דער פּשוטער מענטש וויינט.
דער העכערער מענטש שווײַגט.
דער גאָר הויכער מענטש דערהייבט זײַן ווייטיק צו געזאַנג.

70 לידער פאַרן קאָצקער באַגלייטן מײַן אומרויִקן גאַנג.

ביכער פון י. ח. בילעצקי

אומרו — לידער

שוועלן — לידער

ווײ און גלויבן — לידער

שירי העצב והאור (תרגם אביגדור גרינשפן)

ייִדישע ווערטער — לידער

אַ מזמור דעם טאָג — לידער

מסות — בשבילי ספרות ייִדיש
שני חלקים (זכה בפרס קסל)

השיר והמשורר (א. סוצקבר) מסה

מײַנע ווײַסע טויבן — לידער

לידער צום מענטש

מסות על סופרי ייִדיש — בתרגום אנגלי

ח. נ. ביאַליק און ייִדיש (זכה בפרס גניה לוי)

71 לידער (זכה בפרס דוד פינסקי)

פאַרלאַג „ישראל־בוך"

אריה שמרי / וואָרצלען
אַנטאָלאָגיע פון יידיש־שאַפן אין ישראל

ישעיהו שפּיגל / פלאַמען פון דער ערד
ראָמאַן

רחל פישמאַן / דערנער נאָכן רעגן
לידער

מאַרגאַרעט לאַרקין / די זעקס טעג פון יד מרדכי
יידיש — ד. שטאָקפיש

רפאל מאַהלער / היסטאָריקער און וועגווייזער
עסייען

רבקה באַסמאַן / בלעטער פון וועגן
לידער

ריקודה פּאָטאַש / אין געסלעך פון ירושלים
דערציילונגען

יעקב צבי שאַרגעל / זוניקע שוועלן
לידער

משה שולשטיין / איבער די דעכער פון פּאַריז
דערציילונגען

אריה שמרי / דאָס יינגל פון דיזשאָן
פּאָעמע
צייכענונגען — יואב שועלי

רפאל מאַהלער / ספר סאַנץ
היסטאָרישע מאָנאָגראַפיעס, זכרונות און גביות־עדות

משה גראָסמאַן / שטויב און אייביקייט
דערציילונגען און מיניאַטורן

אריה שמרי / געזאַנגען אין שניי
לידער און פּאָעמעס

מנוחה ראַם / אַרום דער ווערבע
דערציילונגען

משה זאַלצמאַן / ...און מען האָט מיך רעהאַביליטירט
איבערלעבונגען פון אַ יידישן קאָמוניסט אין ראַטנפאַרבאַנד

אברהם שלאָנסקי / לידער
אָפּקלייב פון א. שלאָנסקיס פּאָעטישער שאַפונג
יידיש — משה יונגמאַן

משה גראָס-צימערמאַן / דאָס וואָרט וואָס מיר שרײַבן
עסייען און פּראָפילן

רבקה באַסמאַן / ליכטיקע שטיינער
לידער

ביילע שעכטער-גאָטעסמאַן / סטעזשקעס צווישן מויערן
לידער

מלכּה חפץ-טוזמאַן / בלעטער פאַלן ניט
לידער

ב. דעמבלין / טאָפּלבאַנד: אַ פרעמדע וועלט; אין נײַעם לאַנד
ראָמאַנען

ישעיהו שפּיגל / די קרוין
דערציילונגען

משה יונגמאַן / רעגן-בויגן צוקאָפּנס
לידער

דאָרע טײַטלבוים / געזאַנג פון זינקזאַמד דור
לידער און פּאָעמעס

יעקב צבי שאַרגעל / טויערן אין די בערג
לידער

נח גריס / פון פינצטערניש צו ליכט
עסייען וועגן ישעיהו שפּיגל

אליעזר קופּערמאַן / פון וועלט צו וועלט
דערציילונגען

משה זלצמן / וזכיתי לריהאַביליטציה...
מייִדיש — גרשון לימור

מלכּה חפץ-טוזמאַן / אונטער דײַן צייכן
לידער

רחל אויערבאַך / וואַרשעווער צוואָות
באַגעגענישן, אַקטיוויטעטן, גורלות 1933—1943

יעקב פרידמאַן / לידער און פּאָעמעס
דרײַ בענד, מיט אַ באַגלייטוואָרט פון פּראָפ. יודל מאַרק

מאיר חרץ / לידער צו אייגענע
לידער און פּאָעמעס

אריה שמרי / רינגען אין שטאָם
לידער און פּאָעמעס
צייכענונגען — בען

יעקב י. מײַטליס / אין גאַנג פון דורות
עסייען

יהודה לייב טעלער / דורך ייִדישן געמיט
לידער

י. ח. בילעצקי / בײַם קוואַל פון קאָצק
פּאָעמע